STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00906

ROYTARMEYISH

Itzik Fefer

Permanent preservation of this book was made possible by
Judge Leonard Goldstein
in memory of
four wonderful grandparents

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איציק פעפער

רויטאר
מייש



דערשיינט מיט דער הילף פונעם פאָנד
אַרויסצוגעבן יידיש־סאָוועטישע ווערק,
געזאַמלט ביי דער איקוף־באַגעגעניש
מיט דער סאָוועטיש־יידישער דעלע־
גאַציע,—ביישטייערער: טעסי שענקער,
י. קעסמאַן און אַנדערע.

שער־בלאַט געצייכנט
דורך **מאַרק שאַגאַל**

Itzik Fefer

Roitarmeish

ICUF · 189 Second Ave., New York 3, N. Y.

פ אָ ל ק ס - פ אַ ר ל אַ ג

אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־פאַרבאַנד

געדרוקט אין 2,000 עקזעמפּליאַרן

PRINTED IN U.S.A.

209

די שבועה

איך שווער ביי דער ליכטיקער זון, ביי די שטוינענדע שטערן,
איך שווער היינט ביי אַלץ, וואָס אַ פּשוטער מענטש קאָן נאָר שווערן,
איך שווער ביי די הערצער, וואָס זידן אין שלאַכטן און קאָכן,
איך שווער ביי די שטאַמען פון גליק, וואָס דער פיינט האָט צעבראָכן,
איך שווער ביי די ווערבעס, וואָס שטייען ביים דניעפּר געבויגן,
איך שווער ביי דעם בלוט, ביי דעם אומרו פון מיינע צוויי אויגן:
מיין האַס וועט ניט אויסגיין, מיין צאָרן אין קעלט וועט ניט קילן
ביז כ׳וועל אויף מיין אָרעם דאָס בלוט פונעם פיינט ניט דערפילן!

און אויב ס׳וועט דער פינצטערער וויכער אַ האַנט מיר צעפליקן,
וועל איך מיט דער צווייטער דעם פיינטלעכן אָטעם דערשטיקן;
און אויב ס׳וועט אַ קויל מיר די האַנט אויך די צווייטע צעדרויבן,
וועל איך מיט מיין הייליקער שנאה דעם ווייטיק פאַרטויבן!

אַבי נאָר די פיס מיינע וועלן מיך טראָגן, מיר דינען —
אין פייער, אין וואַסער וועל איך אים, דעם שונא, געפינען.

און אויב ס׳וועט די נאַכט מיר מיט בלינדקייט פאַרלעשן די אויגן,
מיין שנאה — מיין שוועסטער אין שלאַכט וועט ניט לאָזן פאַרנויגן
מיין קאָפּ. דאָס אויג פון מיין הארץ וועט דעם שונא אַנטפּלעקן,
דער פלאַם פון מיין האַס וועט אויף אייביק זיין זכר פאַרמעקן.

אָט דאָס איז מיין שבועה, וואָס כ׳שווער איצט דעם לאַנד פון די ראַטן,
מיין אוראַלטן פאָלק, און מיין אַלטינקער מאַמען און טאַטן,
און דאָס איז מיין נדר; און אויב איך וועל ביידע זיי ברעכן,
זאָל דעמאָלט מיין פאָלק מיט דער שפּיז פון פאַראַכטונג מיך שטעכן!

און אויב איך וועל דעם פיינט פון מיין הייליקער ערד ניט פאַרטרייבן,
אַז ס׳זאָל פון זיין מיאוסקייט קיין שריד־ופליט ניט בלייבן,
זאָל ווערן צום אייביקן שאַנד־סלופּ געפעסטיקט מיין נאָמען,
דעם אַש פון מיין לייב זאָל די ערד־קויל ניט אויפנעמען. אָמן!

סטאַלין

זאָג איך סטאַלין — מיין איך שיין,
מיין איך אייביק גליקלעך זיין,
מיין איך קיינמאָל שוין ניט וויסן,
שוין ניט וויסן פון קיין פיין.

זאָג איך סטאַלין — מיין איך מיר,
מיין איך מזל אָן אַ שיעור,
מיין איך קיינמאָל שוין ניט וויסן
פון קיין צוגעמאַכטער טיר!

זאָג איך סטאַלין — מיין איך מאַי,
מיין איך טעג, וואָס זיינען ניי,
אַלע וועגן זיינען אָפן,
אַלע מענטשן זיינען פריי.

זאָג איך סטאַלין — מיין איך גוט,
זאָג איך סטאַלין — מיין איך מוט,
מיין איך פינקלדיקע אויגן,
מיין איך קיינמאָל ניט גערוט!

זאָג איך סטאַלין — מיין איך דראַנג,
פולע הערצער מיט געזאַנג,
וואָס מיר עלטער, ווער מיר עלטער
ווען די יוגנט איז אין גאַנג.

זאָג איך סטאַלין — מיין איך דיך,
זאָג איך סטאַלין — מיין איך זיך,
זאָג איך סטאַלין — מיין איך פליגל,
פליען ווייט און פליען גיך!

זאָג איך סטאַלין — מיין איך ברויז,
מיין איך פרייד אין יעדן הויז,
מיין איך ליבן, מיין איך האַסן,
מיין איך טראָגן זיך פאָרויס!

זאָג איך סטאַלין — מיין איך יאָ,
וואו דו רופסט מיך — בין איך דאָ,
ביסט מיין היינט און ביסט מיין נעכטן,
ביסט מיין מאָרגנדיקע שעה!

ס׳וויגט די וועלט זיך ווי אַ וויג,
ס׳וויגט די וועלט זיך אין דעם קריג,
זאָג איך סטאַלין — מיין איך קעמפן,
זאָג איך סטאַלין — מיין איך זיג!

מיין טאַטע

ניט ווייניק פריינט האָט יעדער מענטש, ניט ווייניק פריינט און גוטע שכנים,
חברים, מיטקעמפּער אַ סך און בלויז אַ טאַטן האָט מען איינעם ;
און גליקלעך איז דער מענטש, וואָס קאָן די שפּעטערדיקע דורות זאָגן :
איך האָב מיט שטאָלץ דורך טעג און נעכט דעם טאַטנס נאָמען דורכגעטראָגן...

אָט דער, וואָס שרייבט די ליד אָט די, וועט קאָנען מיט אַ ריין געוויסן,
ווען ס'וועט דאָס בת־קול טון אַ קלונג, די אַלטע אויגן זיינע שליסן
און לאָזן זיך אין וויטן וועג, אין שטילן, רואיקן און גלאַטן,
ווי שיין און יום־טובדיק וועט זיין די ערשטע זעאונג מיט זיין טאַטן
אין סעדער אייביקע פון רו, אין אָנהייב־צייט פון לעצטן טרויער,
ווי שווער, ווי גרינג איז יענער וועג, וואָס פירט צו אייביקייט צו גרויער...

ווי וויט, ווי שווער איז יענער וועג... די גאַנצע ערד איז אויפגעאַקערט.
וואו איז דאָס ווייץ ? דאָס פעלד איז טויט. וואו איז די זון ? דער הימל פלאַקערט.
אין קלאַנג פון שטאָל, אין פייף פון בליי, אין רויען אויסגעשריי פון זיגן
וואַקסט אונדזער מאָרגן, אונדזער פרייד, ווי ערשטלינגען אין הוילע וויגן.
עס גייט דער ראַנגל מיטן טויט און אויב עס פאַלט אויף דר'ערד אַ רעגן
איז ער פון בלוט, פון ווינד און וויי, פון גרויסן יאָמער אויף די וועגן,
און אויב אַ האָגל טוט אַ פאַל, איז ער פון צין, איז ער פון צאָרן,
איז ער פון הערצער און פון קעפּ, וואָס זיינען שטיקער ערד געוואָרן,
און אויב די זון גייט אויף אין פעלד, איז זי דער אָפּשיין פון האַרמאַטן,
ווי קאָן מען דורך אַזאַ שוואַרציאָר דערזען דאָס פּנים פונעם טאַטן,
וואָס איז ביים לעבן שוין אַריין אין שוואַרצן טויער פון דעם גיהנום ?
צי קאָן מען האָפן נאָך אַ מאָל אין שיינע מאָרגן־טעג דערזען אים ?
עס טיילט אים אָפּ אַ וואַנט, אַ נאַכט, אַ שווערער אומגליק, אַ ביישוואונדער,
אַ גרויסער שלאַק, דער טויט אַליין, וואָס האַקט דעם קאָפּ פונעם יאָרהונדערט,
שטייט אויפן וועג, אַ פעסטונג שטייט, ווי קאָן מען זי אַריבערשפּרינגען ?
וואו איז ער איצט, דער גוטער מענטש ? צי אָטעמען נאָך זיינע לונגען ?

צי שפּאַנט ער נאָך אַרום אַצינד אין טויטן געסעלע, אין שטילן?
צי קוקט ער נאָך אויף אונדזער וועלט דורך זיינע דורכזיכטיקע ברילן?
צי שרייבט ער לידער ווי אַמאָל און לייענט זיי שעמעוודיק פאַר יעדן?
צי זעט מען אים נאָך ביי דער קלויז מיט וואַכעדיקע יידן רעדן?
צי שמייכלט נאָך זיין בלאָנדער קאָפּ, וואָס האָט אויף זיך קיין גרויע האָר ניט?
צי שווייגט דער יונגער זקן שוין און איז שוין געל און ווייסט שוין גאָרניט? —

ווער ווייסט? ווער ווייסט? צי רוען שוין די אַלטע גלידער זיינע מידע
און בלויז דער ווינט, די טויבע נאַכט געהערט האָבן זיין שטילן וידוי,
וואָס איז געפאַלן אויף דער ערד פאַרלאָזט, פאַרצווייפלט און צעבראָכן,
ווען ס'האָט די גיפט פון האַקנקרייץ זיין לעצטן אָטעם דורכגעשטאָכן...

ווער ווייסט? ס'קאָן זיין אַ שטריק אַ רויבערישער האָט אים פאַרצויגן
און ס'פאַלט אַ שניי אויף אים, אַ שניי אויף זיינע האָר, אויף זיינע אויגן
און שטיקלעך אייז אויף זיינע הענט, אויף זיינע אַקסל, זיינע וויעס,
ער הענגט און הערט דעם קאַלטן סקריפּ פון קאַלטע שכנותדיקע תליות,
ער הענגט פאַרקילט, די טויטע הענט צו טויטע וויטן אויסגעשפּרייטע
און פרעגט דאָס פעלד, די קאַלטע זון, דיווילדע וועגן, די פאַרשנייטע:
— ווען קומט די שעה פון דעם געריכט? די שעה פון הייליקער נקמה?
מיט יעדן אויפגאַנג פונעם טאָג גייט אויף זיין ליכטיקע נשמה
און בעט און רופט...
ווער ווייסט? ווער ווייסט? און אפשר איז ער גאָר אַצינדער
מיט שכנים זיינע אין אַ וואַלד און שפּירט דורך צווייגן נאָך די צינדער,
נאָך יענע וועלף מיט שאַרפע ציין, וואָס טראָגן אומקום און סכנה, —
און ער גרייט אויך פאַר זיי דעם טויט, די לעצטע גאָלדענע מתנה...
ער טראָגט אין שאָפּענעם קאָזשוך די זיבן צענדליק יאָר, די עלטער
און די, וואָס האָבן זי פאַרסמט, מיט קללות ביטערע פאַרשעלט ער.

פאַרגיב אים, גאָט, די שווערע זינד, ער האָט זיי אויסגעקויפט מיט ליידן
און וואו ער זאָל אַצינד ניט זיין, זאָלסטו זיין זון מיט אים ניט שיידן!

און וואו ער זאָל אַצינד ניט זיין: אין ברען פון טעג, אין קאַלטער רו שוין
זאָל זיין געבענטשט זיין הערלעך האַרץ, זיין האַרץ — די טייערסטע ירושה,
וואָס ווערט אין פייער ניט פאַרברענט, וואָס ווערט אין וואַסער ניט דערטרונקען,
וואָס ווערט אין אַפּגרונט פון ניט־זיין, אין טיפן אַפּגרונט ניט פאַרזונקען!

ווייל וואָס איז גאָלד און וואָס איז זייד, וואָס זיינען פּאַלאַצן און פּערל ?
דאָס גאָלד געפינט מען אין דעם זאַמד, פון זייד קאָן לייכט אַ שמאַטע ווערן,
און פּערל קאָן מען אָן אַ שיער געפינען אין די אַלטע ימען,
וואָס איז אַ פּאַלאַץ ? שטיין און האָלץ. ער פלאַצט אונטער דעם יאָך פון פלאַמען...
עס זשאַווערט שטאָל, אַ דעמב ווערט פויל, ס׳פאַלט איין אַ באַרג, אַ טייך ווערט טרוקן,
אַ יונגער קאָפּ ווערט גרייז און גרוי, עס בויגט זיך איין אַ שטאָלצער רוקן
און נאָר אַ האַרץ, אַ הערלעך האַרץ גייט דורך דורך פעלקער און דורך דורות
און האָט פאַר פלאַם, פאַר סם און בליי, פאַר שטויב און זשאַווער ניט קיין מורא,
אַ האַרץ אַזאַ, וואָס הערט ניט אויף אַקעגן שלעכטס און פאַלשקייט זידן,
קאָן זיין ביים העלד, וואָס גייט אין שלאַכט און ביי אַ שטילן שפּאַלער יידן...

וואו איז ער איצט ? וואו קאָן ער זיין ? ער שטייט אַ מידער פאַר די אויגן,
דער גרויסער צער, דער ווילדער ווי האָט אים נאָך מער צו דר׳ערד געבויגן,
ער איז געווען אַ גבר, אַ גביר, געהאַט אַן אייגענע מדינה,
אַ זון, צוויי טעכטער און אַ שנור, אַ גוטע זון אין סעדער גרינע,
צוויי אייניקלעך און פריינט — אַ וועלט. ווער טרייסט זיין עלטער ? קיינער. קיינער.
וואָס איז ער איצט ? אַ בעטלער־ייד ? אַ לעצטער פונק אויף שוואַרצע שטיינער ?
און אויב ער הערט, וואָס הערט ער, וואָס ? דאָס לעצטע כריפּען פון אַ גוסס,
און אויב ער זעט, וואָס זעט ער, וואָס ? ס׳פּילט אָן דער ראָב מיט בלוט די כוסות...
און אויב ער לעבט, וואָס האָט ער, וואָס ? די האַפענונג פון זיין געוויסן :
דערזען זיין היים, ווי פריער פריי, דעם זון אין זיינע אָרעמס שליסן...

און אויב ער לעבט און האָפט און רופט און לעקט די זאַלץ פון טרערן־טראָפּנס,
באַהיט די גרויזאַמקייט זיין שוועל, דער שוידער שטייט ביי זיין צוקאָפּנס,
דער צער איז אים אַ העמד אַצינד, אַליין דער טרויער איז זיין אַנטאָן,
די טויב פון טרייסט באַזוכט אים נאָר, ווען ס׳דונערן די האַריזאַנטן...

דער קאַלטער האָס זאָל ווי אַ פריינט אים וואַרעמען מיט אַלטע וויינען,
און ווי אַ ברודער אין זיין ווייז זאָל די נקמה מיינע זיין אים,
און רוען זאָל אין גלי פון טעג, אין הייסן אַש פון טויבע וואָכן
אויף זיין פאַרוואונדעטן געמיט דער ניט־פאַרוואונדעטער בטחון...

וואָס מיינט ער, דער בערלינער לץ?

וואָס מיינט ער, דער בערלינער לץ,
דער יושר איז שוין אויסגעגאַנגען
און אין זיין ברוינער ברודנער נעץ
קאָן ער די וועלט די גאַנצע פאַנגען?
ער האַלט די אייביקייט אין טאַש?

ביי טויט און פעסט איז ער אַ קעסטקינד,
ער לאַכט ווען ברוינע שדים פליעסקען
אויף בערג מיט מתים און מיט אַש...

ס'איז זייער וויט נאָך צום געלעכטער!

אויב טויט און רויב איז זיין געווער,
אויב חורבה־שטויב איז זיין באַגער,
אויב זיינע וועכטער זיינען שעכטער,
אויב מענטשן־בלוט פאַרבייט אים וויין,
אויב אָפגרונט־חושך איז זיין שיין,
איז זייער וויט נאָך צום געלעכטער!

וואָס וויל ער, דער בערלינער קאַט,
די ערד זאָל אַ בית־עולם ווערן?
פון אַלע פייגל אונטער שטערן
זאָל בלויז דער ראָב אין ברוינעם טשאַד
זיך טראָגן איבער טייכן טרערן?

ניט צוליב דעם האָב איך געבויט
מיין היים, מיין מזל און מיין חיות,
ס'זאָל הערשן אין מיין היים דער טויט,
אויף פלעצער זאָלן וואַקסן תליות,
מיין שענסטער טרוים זאָל זיין געקעפט...

ניט צוליב דעם האָב איך געלעבט!

יאָס וויל ער וואָס, דער ברוינער הונט?
ער וויל מיין פאַלק פון דר'ערד פאַרווישן,
מיין פאָלק איז אַלט, נאָר ס'איז געזונט
און גייט אין שלאַכט מיט בלוט מיט פרישן!

ווי שיר־השירימדיק, ווי ריין
גייט דורך זיין ליבע דורך די יאָרן,
ווי יונג זיינען נאָך זיינע ציין
און ווי נביאיש איז זיין צאָרן!

ווי הויך און זוניק איז זיין שוואונג,
ווי טיף דער ברויז פון כחות פרייע.
וואָס מיינט ער וואָס, דער קוילער־יונג,
אַז ס'קומט די צייט, ווען ס'זיגט די חיה?

אַ מענטש בין איך. זיין סוף, זיין פסק,
זיין אורטייל טראָג איך אויף די ליפּן,
איז ער דער קאַט, בין איך די האַק,
די שטריק, וואָס וועט זיין האַלדז פאַרקניפּן!

מיין וועג צום גליק איז ניט פון גלאָז,
וואָס יעדער גרויל־יונג קאָן אים שאַטן,
אויב ער איז גרויל,
בין איך די קויל,
בין איך דאָס מויל פון די האַרמאַטן!

די טערקישע שאַל

איך קוק אויף דער זיידענער טערקישער שאַל
און ס'טוט די זערמאַנונג אַ שלאַג ווי אַ קוואַל.

איך קוק אויף דער טערקישער שאַל און איך קלער,
ווי קומט זי, די אַלטע, אַצינדער אַהער...

אָ צייטן! איך הער אייער רוף, אייער שאַל
אין בונטע געמעלן פון טערקישער שאַל...

אין פאַרבן אין אירע איך פיל אייער דראַנג,
אין קנייטשן אין זיינע איך פיל אייער גאַנג...

איך האָב זי, מיר דאַכט זיך, אַמאָל שוין געזען,
נאָר בראָט מיך און ברענט מיך געדענק איך ניט ווען!

אין וועלכן יאָרהונדערט, אין וואָס פאַר אַ לאַנד,
מיר דאַכט כ'האָב די זעלבע באַרירט מיט מיין האַנט...

געצערטלט דעם דינעם, דעם זעלטענעם שטאָף
און אפשר האָב איך זי געזען נאָר אין שלאָף.

אַוודאי די זעלבע! דער זעלבער קאָליר!
איך טו מיט אַ ציטער פון פינגער אַ ריר...

און כ'בלייב, ווי פאַרכישופט, איך קוק אויף דער שאַל,
כ'דערקען אירע פאַלדן, וואָס טוען אַ פאַל

אַזוי ווי די כוואַליעס די שטילסטע פון ים,
עס פעלט נאָר איר רויטקייט אַמאָליקער פלאַם.

די בלויקייט איז אויך שוין ניט די, וואָס אַמאָל,
די גרינקייט דערמאַנט אין אַ האַרבסטיקן טאָל.

מיר דאַכט, אַז אויף טונקעלע, רוישיקע מערק
האָט זי נאָך מיין זיידע געקויפט ביי אַ טערק...

און האָט זי זיין כלה, דער יונגער געבראַכט
און זי האָט באַקוקט און באַוואונדערט: אַ פּראַכט!

מיר דאַכט, אַז מיין באָבע האָט שטיל פאַרן טויט
די טערקישע שאַל אירע טעכטער פאַרטרויט...

פון דורות צו דורות געגאַן איז די שאַל,
געזאַפּט אין די פּעדים פון טרערן די גאַל,

געהיט אויף די קוויטן די צאַרטקייט פון הענט,
און האָט מיט איר בונטקייט דורך דורות געבלענדט.

זי האָט אין יום-טובים געלויכט אויף דער שיין
און היט די סימנים פון פלאַמיקן וויין...

אַ ניין, ס׳איז אַ טעות! איך קוק זיך אַריין,
ס׳איז ניט קיין סימנים פון פלאַמיקן וויין.

אַ טראָפּן פון וויין טוט אַ בלענד און פאַרקילט,
איך האָב אין די טראָפּנס אַ פייער דערפילט...

זיי בריען די פינגער און ס׳פלאַטערט אין זיי
אַן אַלטער, אַ הייסער פאַרבאָרגענער ווײ...

פון וועלכן יאָרהונדערט, איך ווייס ניט אַצינד,
די טראָפּנס פאַרטויבן, זיי מאַכן מיך בלינד...

זיי שמעקן מיט פּחד, מיט פאַכן פון רוט,
זיי שמעקן מיט פּיקעס, געשוואָנקטע אין בלוט...

עס פאַלט אַ דערשטוינטער מיין טונקעלער בליק:
די שאַל איז צעריסן, עס פעלט איר אַ שטיק!

מען האָט מיטן טיכל דעם ווייכס און דעם צאַרטס
פאַרהאַלטן ביים ברודער דאָס בלוט פונעם האַרץ,

ווען ער האָט זיין לעבן אין קריגן געשטעלט
און האָט אונדזער היימלאַנד באַשיצט ווי אַ העלד...

איך טו אויף דער אוראַלטער סאַפּקע אַ פאַל
און קוש די צעריסענע טערקישע שאַל...

אַ באַלאַדע וועגן דעם פּאַראַיאָריקן שניי
און זיין ווייסקייט

ווער געדענקט ניט דעם שניי, דעם פּאַרטרוימטן און קלאָרן,
דעם געבענטשטן, דעם לויטערן — פון פאַראַיאָרן,
ווער געדענקט ניט דעם שניי?
וויפיל ליכטיקייט פלעגט ער צעזייען ביי די טירן,
וויפיל זויבערן זילבער אויף וועגן פאַרלירן? —
ווער געדענקט ניט דעם שניי?

ס׳האָט פון וועגן געשמעקט מיט אַ שיין אַ געהיימער
און מיט קאַוועגעס־זאַפט האָט געשמעקט פון די ביימער,
און מיט קאַוועגעס־זאַפט
און מיט שניי איז געגאַנגען אַנטקעגן מיין היים מיר,
און מיט ווייסקייט, מיט ריינקייט געשמעקט האָט דער שניי מיר
און מיט קאַוועגעס־זאַפט.

ווי אַ רויך איז אַוועק יענער זילבערנער ווינטער,
זיין פאַרטאַיעטער סוד, אין די פרעסט אַ געשפּינטער
ווי אַ רויך איז אַוועק,
ס׳ליגן גריבער ביים וועג, ווי די ליידיקע טינטערס
און די רו פון די בערג, און די רו פון די צווינטערס
ווי אַ רויך איז אַוועק.

טוט אַ קוק אויפֿן שניי, וואָס דער קריג האָט צעקנאָטן,
און מיט דייטשישע קויטיקע פּגרים פֿאַרשאָטן,
טוט אַ קוק אויפֿן שניי, —
ס'האָט דער טויט אויף זיין זיידענער ווייסקייט געטראָטן
און מיט פֿלעקן באַזעצט האָט זיין ריינקייט דער שאָטן, —
טוט אַ קוק אויפֿן שניי!

איז דאָס היינטיקע יאָר דען אין שיין ניט געבאָרן,
און ניט גרויס און ניט לויכטנדיק, ווי פֿאַראַיאָרן
איז דאָס היינטיקע יאָר?
איז דער שניי ניט געפֿאַלן פֿון הימל פֿון קלאָרן?
צי אין ווייס־בלויע טעג ניט צעוויקלט געוואָרן
איז דאָס היינטיקע יאָר?

ס'איז אַזוי, ס'איז אַזוי, נאָר דער וועג דער פֿאַרשנייטער
איז אַן אַנדערער שוין, איז ניט דער, איז אַ צווייטער.
ס'איז אַזוי, ס'איז אַזוי,
און דער שניי ליגט פֿאַר אייזערנע טלאָען אַ גרייטער,
און דער שניי ליגט מיט ווייסקייט שוין לאַנג אַ צעשיידטער...
ס'איז אַזוי, ס'איז אַזוי.

קאָן דאָס זיין? קאָן דאָס זיין? איז דער שניי שוין צעגאַנגען?
איז זיין ריינקייט אַ טרוים און זיין זון איז פֿאַרגאַנגען?
קאָן דאָס זיין? קאָן דאָס זיין?
האָבן שדים זיין ריינקייט אין נעצן געפֿאַנגען?
אין זיין ליכטיקער לופֿט קרעכצן תּליות אויף שטאַנגען?
קאָן דאָס זיין? קאָן דאָס זיין?

בלוט אויף שניי, בלוט אויף שניי. גיי אַרויס אויף די וועגן —
לויפֿן הויכע קורגאַנעס מיט בשׂורות אַנטקעגן:
בלוט אויף שניי, בלוט אויף שניי.
גיי אַרויס צו די בערג, גיי אַרויס צו די ברעגן,
וואַרפֿט די ערד דיר אין פּנים איר שרעקלעך פֿאַרמעגן —
בלוט אויף שניי, בלוט אויף שניי.

ס׳איז זיין ריינקייט פֿאַרשוועכט, ס׳איז זיין זויבער פֿאַרשפּיגן
אויף מיין אָרעמען שניי כּלבים דייטשישע ליגן,
ס׳איז זיין ריינקייט פֿאַרשוועכט.
און נבלות פֿון רוים אויף זיין רחבות זיך וויגן,
ס׳ליגן שטאָלענע שפּאַרבערס — צעבראָכענע פֿליגל,
ס׳איז זיין ריינקייט פֿאַרשוועכט.

אויף זיין לויטערער פֿלאַך טאַנצן צינדער, פֿאַרברעכער,
ס׳פֿאַלן קוילן פֿון ווענט, ס׳פֿאַלט דער אַש פֿון די דעכער
אויף זיין לויטערן פֿלאַך.
ס׳קוקן פֿענצטער אין גאַס מיט די פֿינצטערע לעכער,
ס׳קריכן דייטשישע שלענג מיט פֿאַרבלוטיקטע בעכערס
אויף זיין לויטערן פֿלאַך.

מיט פֿאַרבראָכענע הענט שטומען שנייאיקע ביימער
און דורך ווינט און דורך נאַכט פֿאַכט מיין שטעטלשע היים מיר
מיט פֿאַרבראָכענע הענט.
ס׳שרייט מיין דאָרף פֿון דער ווייט, ס׳איז באַקאַנט דער געשריי מיר,
און מיין פֿאָטער איך זע אין דער פֿינצטערניש, ווי מיר —
מיט פֿאַרבראָכענע הענט.

מיין נקמה, שטיי־אויף אויף גזלנים און רויבער,
יעדער סימן פֿון רו און פֿון דרעמל צעשויבער,
מיין נקמה, שטיי אויף!
ס׳ליגן שנייען באַדעקט מיט אַ נאַכט מיט אַ טויבער,
עס באַמייקענט דער שיכורער דייטש זייער זויבער,
מיין נקמה, שטיי אויף!

ווי איך בענק נאָכן שניי דעם פֿאַרטרוימטן און קלאָרן,
דעם געבענטשטן, דעם זויבערן, פֿון פֿאַראיאָרן,
ווי איך בענק נאָכן שניי,
וואָס האָט ליכטיקייט בלויז אויף די פֿעלדער געבאָרן,
וואָס האָט בלענדיקע ווייסקייט געשענקט די קאַיאָרן,
ווי איך בענק נאָכן שניי!

ווינטער 1941

ביי דער קרעמל־וואַנט

אַט שטייט די קרעמל־וואַנט מיט דורותדיקן מוט געשטעמפּלט,
מיט ציגל פון יאָרהונדערטיקן ווי פּאַרבויט,
שוין ויפל מאָל האָט אָנגעגרייפט אויף איר דער טויט,
איר גייסט, איר רום פאַרלעשן ווי אַ לעמפּל.

באַדעקט איז זי די וואַנט מיט אַלטקייט און מיט וואונדן,
האָט ער געיאָגט אַהער, דער טויט, זיין ווילדן פערד,
נאָר אַלעמאָל האָט ער געטעמפּט אין איר זיין שווערד
און איז אין פינצטערניש פון צייט פאַרשוואונדן.

זי שטייט, די קרעמל־וואַנט, פאַר דורות אויפגעבלעטערט,
אין איר האָט זיך צעקלאַפּט זיין קאָפּ נאַפּאַלעאָן,
ניט ווייניק האָבן צעפליקט דאָ זייער שוואַרצע פאָן,
דער אָדלער, דער צוויקעפּיקער, האָט זיינע קעפּ צעשמעטערט.

איצט שטייט זי הויך און שטאָלץ און אומגעוואַקלט,
ווער ס'האָט איר טויט געוואָלט איז איצטער טויט
און אויף צו־להכעיס אַלע וואָלקנס איז זי רויט
און האָט איר רויטקייט פאַר דער גאָרער וועלט צעפאַקלט!

אויף אירע טורעמס הוידעט זיך פון גליק דאָס וויגל,
אויף אירע טורעמס שווימען הימלען יונג און ניי,
עס קומט אַ נייער דור, עס גייט אַ דור פאַרביי,
נאָר ס'לעבט די אייביקייט און אָטעמט אין די ציגל.

און ניט קיין שוואַרצער אַש איז אין דער וואַנט פאַרמויערט,
פונדאַמענט גייט די צוקונפט באַרג־אַרויף,
דאָ פינקלט טשקאַלאָווס שוואונג און סווערדלאָווס רוף
און ניט מיט שטויבן שמעקט — מיט סאָסנע און מיט רויערד.

ס'איז ניט קיין שאָטנס פון קיין רייטער אָפּגערייטע,
ס'איז ניט קיין שטויב פון וואַנדערער, פון געסט, —
דזשערזשינסקיס פלאַם דאָ פלאַמט, דער קיראָווער פאַרמעסט
איז דאָ פאַרהיט פאַר קינדס קינדער, פאַר וויטע.

ס'איז ניט קיין ווערטער אַלטע, קאַלטע, מידע,
ס'איז גאָרקיס שטורעמפויגלס רופנדיקע ליד,
ס'איז פרונזעס העלדישקייט, ס'איז דרייסטקייט פון דזשאַן ריד
פאַר וויטע קינדס קינדער אין קרעמל־וואַנט פאַרהיט דאָ.

און ניט קיין שטיין, קיין קאַלטער שטיין די מוחות קילט דאָ,
ס'איז ניט קיין אייז פון אויסגעוועפּטער פרייד,
ס'איז קרופּסקעס האַרציקייט מיט יעדן בוימל דאָ פאַרזייט,
די זילבער־שיין פון אָסיפּענקעס יוגנט שפּילט דאָ...

זי שטייט די קרעמל־וואַנט, שוין ניט קיין איין יאָרהונדערט,
און וויפל מ'האָט זי שוין געקאַרבט, געפּרעסט,
איז זי געבליבן אויף דער ערד — די פרייע נעסט.
און קיילעכדיקע יאָרן וואוינט די זומערדיקע זון דאָרט.

און אַלע קלאָרע הערצער פון דער וועלט אַהער זיך ציען
און אַלע וועגן פון דער וועלט דאָ קרייצן זיך צונויף,
אין דעם באַשיידענעם אין פּראָסטן קרעמל־הויף
קומט אָן די צייט אַליין די פליגל אירע גרינג מאַכן צום פליען.

דער קרעמל־זייגער פלעג אַמאָל דאָ אויסקלינגען דעם טרויער,
וואָס האָט געוויזט אַמאָל אין רוסלענדישן טאָל,
איצט רעדט די העלדישקייט אַפילו מיט אַן אַנדער קול,
ווען ס'טוט אַ קלאַפּ דער טאָג אין ספּאַסקער טויער...

וועניטקעס הודען נאָך ניט וויט, די הימלען בליצן,
מיט אומרו קלינגט די קלאָרע מאָסקווער לופט,
ווער הערט דען ניט ווי אונדזער לענין רופט
די ערע פון דעם פאָלק אין שלאַכט באַשיצן!

די וועגן ווערן מיט לעגענדעס אויסגעפּלאַסטערט,
ווען מחנות טראָגן זיך פאַרביי דער קרעמל־וואַנט,
ווען סטאַלין טוט אַ הייב זיין אויסגעשטרעקטע האַנט —
אַ תושב ווערט די העלדישקייט און ניט קיין גאַסט דאָרט.

עס שטייט די קרעמל־וואַנט... דער דורותדיקער עדות...
וואָס האָט זי ניט געזען אין רוסלאַנדס לאַנגע נעכט?
דעם ברויז פון העלדנלאַנד, דאָס גוססן פון קנעכט,
די גרויסקייט און די שטאַרקייט פון די זיידעס...

און איצט ווען ס׳פאָכען אויף דער קרעמל־וואַנט נאָך שוואַרצע פליגל,
איצט קומען אַלע דורות זיך צונויף
און ס׳קלינגט די שבועה פונעם פאָלק אין קרעמל־הויף
און יעדער שטיין דאָ ווידערהאָלט די שבועה: זיגן!

ווינטער 1941

די באַלאַדע וועגן אָדעסער לימאַן

עס הייבט זיך דער ים פונעם ברעג אַזוי מיד און צעשראָקן,
ער קוקט דורך די שוימיקע ברעמען און בלעטערט די ווייט,
ער קאָן ניט דערקענען די שטאָט מיט די פריילעכע שטאָקן,
ער הייבט זיך און שפּרינגט פון די ברעגן און וויכערט און שרייט...

דער טויט האָט שוין לאַנג זיינע פּאָסטנס צעשטעלט ביי די וועגן,
די שטאָט איז באַלאַגערט מיט דונערס און רוישיקן פלאַם,
די איינציקע טרייסט איז די שיף ביי די שטיינערנע ברעגן,
דער איינציקער טויער פון שטאָט אין דער וועלט — איז דער ים...

צום ים שווימען פלייצעס מיט זעק און מיט פּעק און מיט מורא,
צום ים שווימען אַלטע, פאַרבלויטע, געשוואָלענע פיס.
און קינדער, וואָס ציילן אַ טאָג ערשט פון זייער געבוירן,
דערפילן ווי הייס איז די מאַמעשע מילך און ווי זיס...

אַ באָבעצי טראָגט זיך פאַרביי מיט אַ מעשענעם טשייניק,
אַ פּליושענער ראָק און אַ שירעם פון זייד אין אַ ריזיקער הוט.
אַ קראַך טוט דער טאָג און אין טרוקענע מיילער ווערט ווייניק
און מענטשן דערפילן דעם טעם פונעם אייגענעם בלוט...

מע לויפט און מע ווייסט ניט — וואו וואַרט ער, דער טויט, וואו ער לויערט,
אין גאַס, וואו ס׳קאָן פּלוצים אַ פאַל טאָן אַ באָמבע, אַ טויער, אַ הויז,
צי אפשר ביים ברעג, וואו די רעטונג צעעפנט דעם טויער —
וועט קומען דער חלף און פאַלן אויף העלדזער און אויס...

עס טראָגט זיך דער עולם צום ברעג, ווי אַ שקוואַל, אַ געוויטער,
בלויז דרייען זיך געבן אַ ריס פונעם ברעג און מע שפּאַנט,
די שיף גיט אַ קוק: ס׳גייט דער ערשטער, דער צווייטער, דער דריטער,
ס׳גייט איינער פאָרויס און ער צייכנט דעם וועג מיט זיין האַנט!...

דער ערשטער שפּאַנט רואיק מיט אויגן ווי גרוילעכע טויבן,
ער טראָגט ניט קיין זעק און קיין פּעק און קיין שרעק אינעם וועג.
דאָס ציצענע העמד איז שוין נאַס, איז שוין גרוי פון די שטויבן,
אין דער לופט, אויף דער ערד גייט אויף לעבן און טויט אַ געשלעג.

און די צוויי, וועלכע שפּאַנען מיט אים, שפּאַנען אויכעט געלאַסן,
ס'באַלייט זיי דער זעלביקער סוד און דער זעלביקער וויי,
הינטער זיי ווי די שלענג, פויזען פּוסטע און מידע די גאַסן
און ס'הייבט זיך דער ברעג מיט זיין קינדערשן יאָמער־געשריי...

די שיף קוקט זיך צו: ס'גייט דער ערשטער, דער צווייטער, דער דריטער,
און וואוהין ווייסט ניט קיינער, בלויז איינע אַ פרוי מיט אַ קינד
שפּירן נאָך נאָך די דריי, ס'טוען הערצער אַ קלאַפּ און אַ ציטער,
ווען דער שאָטן פון דרייען באַהאַלט זיך אין ווייט און פאַרשווינדט...

די פרוי מיטן קינד מעסטן לאַנג נאָך די כאַרכלענדע ברעגן,
דאָס קינד טוט מיט הענטלעך מיט בלאַסע די מאַמע אַ שטויס
און ס'דאַכט זיך עס וויל עפּעס פרעגן, נאָר וואָס וועט עס פרעגן?
עס פרעגט ניט און וויינט ניט און קוקט, ווי די מאַמע, פאַרויס...

די שיף רוקט זיך אָפּ פונעם ברעג, וואָס איז פול מיט געפאַרן,
די שיף קוקט זיך אום און דערזעט: פונעם ברעג צום לימאַן
שווימט אַ שיפל אַ קליינס און די וועסלעס צעבויטען, צעשאַרן,
צערוקן די כוואַליעס, דעם שוים און דעם גיהנום־טומאַן...

— ווער פאָרט עס אַצינד צום באַרימטן לימאַן כאַדזשיבייער?
— האָט ווער זיך פאַרבענקט נאָך אַ שטילער געמיטלעכער באָד?
דאָס שיפל פאַרזינקט ערגעץ ווייט אין אַ רויכיקן שלייער,
ס'פאַרשווינדט אינעם ברוגזן ים, ווי אַ שטראָם, ווי אַ סוד...

די שיף זעט שוין גאָרניט. זי הייבט צו דעם הימל די מאַסטן
און זוכט, צי עס פליט ניט קיין דייטשישער שפּאַרבער אַהער.
אַ פרוי מיט אַ קינד שטייט און קוקט אויפן טאָג, דעם פאַרהאַסטן
און זוכט נאָך דאָס שיפל, וואָס וועט זיך ניט קערן שוין מער...

דאָס שיפל איז פלינק צו דער דאַמבע, דער גרויער געפלויגן,
געפלויגן, געקומען, דריי פריינט צו דער דאַמבע געבראַכט,
די פריינט האָבן אלץ, אָן אַן איבעריק וואָרט אָפּגעוואויגן
און אַלץ איז פון פריער געווען נאָך באַזינט און באַטראַכט...

— און איצט, ליבער מאָטל! — האָט איינער געזאָגט מיט אַ שמייכל —
איז אפשר געבליבן אונדז לעבן אַ פּופצן מינוט...
געזעגן זיך, ברודער, מיט אַלץ, מיט דער ערד, מיט די הייכן,
אַז וואויל איז דעם מענטש, וואָס פאַרלאָזט אונדזער וועלטל מיט מוט...

— געוויס, ליבער מאָטל, — געזאָגט האָט דער צווייטער מיט טרויער,
— דעם ים האָב איך ליב און איך וועל אים באַשיצן ווי דו, —
איך דאַרף ניט קיין דענקמאָל, קיין הויף מיט קיין אייזערנעם טויער,
דער טויט פון די פיינט וועט געגוג זיין פאַר דעם, וואָס איך טו.. .

און מאָטעלע ליבמאַן — דער בראַנדזענער יונג פון דער בוינע,
האָט אַלץ נאָך געקוקט נאָך דער שיף און אים האָט זיך געדאַכט:
ער זעט דאָרט זיין מיידעלע דינקע, זיין ווייבל דאָס ברוינע,
און מאָטעלע ליבמאַן, דער גבר, האָט די אויגן פאַרמאַכט...

אַ דייטשישער מאַרש האָט צעשניטן די לופט, די צעגליטע,
עס זיינען צוויי פאָלקן מיט טראַסק און מיט טומל געגאַן,
עס וואַרט שוין די דאַמבע אויף זייער געביין, ווי אַ מיטה,
זיי זיינען שוין באַנט דאָ... ניט ווייט פון אָדעסער לימאַן...

עס ציט זיי די שטאָט מיט דער זון, מיטן פריילעכן עולם,
די שטאָט מיט די פּרויען די שלאַנקע, מיט זוניקע הענט,
עס ציט זיי די שטאָט מיט די יידישע זיידעס אויף קוילען,
די שטאָט מיטן גאָלד, מיט די באַקעטע מיידן אויף ווענט...

זיי בענקען פון לאַנג שוין נאָך בלוט און נאָך ווייַן און נאָך גזלה —
עס שפּאַנען צוויי פאָלקן און ס'איז אויפן האַרצן זיי זיס.
עס טראָגט אַ מאַרוסיע זיך דורך אין אַ רויטער פאַטשיילע,
צוויי פאָלקן באַגלייטן צוויי ברוינע אַנטלאָפענע פיס...

און מאַטעלע ליבמאַן דערפילט שוין דעם ריח דעם מיאוסן
פון שיכורע האַרדעס, וואָס שפּאַנען מיט פאַקלשן שרויט,
און מאַטעלע ליבמאַן אַליין האָט אַצינדער דעם שליסל
צו זיי, זייער רוצחישן לעבן און הינטישן טויט!

— געזעגנט זיך, קינדער!... עס קומען די רגעס די לעצטע,
דעם ברודער דעם בלויען — דעם ים צו די הערצער דריקט צו,
און זאָל ער ניט זען דאָ קיין אויגן מיט טרערן באַנעצטע,
וועט גרינגער אים זיין דאָרט צו וויגן ביי זיך אונדזער רו...

— געזעגנט זיך, ברידער!... די שטאָט נעמט אַרום און די ברעגן,
די ערד גיט אַ קוש אין דעם שטראָם און די זאַלץ און דעם שוים,
די שטאָט און דער שטראָם און דער שוים — ס'איז דאָך אונדזער פאַרמעגן
און מיר וועלן בלייבן ביי זיי אינעם רויש, אין דעם טרוים...

— געזעגנט זיך, פריינט, מיט דער לופט, מיט דער שיין, מיט די שטיינער,
מיט דער לופט, וואָס איז בלויז אונדזער הערלעכן היימלאַנד באַשערט.
מיט דער שיין, וואָס אַזאַ האָבן מיר אויף דער ערד, מערער קיינער;
זאָל דער ים אייך איצט וועיך זיין, ווי אונדזערע אָבות — די ערד!...

אַ קראַך האָט געגעבן דער טאָג, אַ צעפליקטער אויף שטיקלעך,
דער ים האָט מיט אייגענע שטראָמען זיך שיער ניט דערשטיקט,
די לופט איז באַהאַנגען געוואָרן מיט פינצטערע בריקלעך,
וואָס האָבן דעם אומקום אויף זייערע פליגל געוויגט...

די מעכטיקע דאַמבע, וואָס איז ווי אַ פעסטונג געלעגן,
דעם אוראַלטן שטילן לימאַן פון די שטראָמען באַשיצט,
האָט פּלוצים געמאַן זיך אַ הייב און אַ פאַל ווי אַ רעגן —
איר צעמענט, איר אייזן, איר רו — ווי אַ האַגל צעשפּריצט...

די פאַלקן, די צווייי מיט די פּאַסטקעס און רויבערשע אויגן,
מיט די פייקלעך און שלאַנגיקע צייכנס אויף קנעפּ,
זיינען ערגעץ אַראָפּ אין דער טיפקייט פון שטראָמען געפלויגן,
דער ים האָט געקילט זיי די הייסע, פאַרשיכורטע קעפּ...

געראַוישט האָט דער ים און מיט דייטשישע מתים געשפּיגן,
געשליידערט די קערפּערס, די קאַסקעס, די צלמס, די שיך,
ער האָט ניט געוואָלט די נבֿלות זיין רחבֿות זאָל וויגן,
ער האָט ניט געוואָלט אָט די מיאוסקייט באַהאַלטן אין זיך.

און ווען ס׳האָט דער ים זיך באַרואיקט און שטילער געוואָרן
דריי העלדן געהוידעט האָט ער און געוויגט אויף זיין פלאַך,
מיט אָפענע אויגן געקוקט האָבן זיי אין די אייביקייט־קלאָרן,
דער מילכוועג אַליין האָט אַהינצו געשפּרייט זיי דעם שליאַך.

זיי האָבן געוואָלט שוין אינאיינעם דעם לעבנס־וועג שליסן,
זיי האָבן אַליין זיך פאַרקניפּט מיט אַ פּשוטן שטריק,
איצט מאַכן די שטראָמען אַ וואַרע פאַר זייער געוויסן,
פאַר דעם, וואָס איז טיפער פון לעבן און העכער פון גליק.

ווי דעמאָלט אין גאַנג צו דער דאַמבע זיי שווייגן, זיי שטומען,
בלויז מאָטעלע ליבמאַן זוכט אפשר די שפּורן פון שיף,
וואָס האָט פונדערווייטן דעם גרויס פונעם אויפרייס באַנומען
און האָט אירע טרערן געשיקט אין דער ימישער טיף...

און ס׳גייט יענע שיף איבער שוימיקע שטראָמען־קורגאַנען,
צי ווייסט זי די שיף, ווי דער טרויער פון ים איז היינט גרויס?
וואָס ווייסן די שיפן? זיי פאָלגן די ים־קאַפּיטאַנען,
זיי שניידן די שטראָמען און טראָגן זיך שטענדיק פאָראויס...

ביים פרישן קבר

פאַרדעקט אים ניט די אויגן מיט קיין שערבלעך,
און זאָל ער זען די פּאַקלען פון דער שלאַכט,
דער טויט אַליין האָט אים געמאַכט אומשטערבלעך,
דער לעצטער פאַל האָט אים באַרימט געמאַכט.

ווי וועט ער ליגן מיט פאַרדעקטע אויגן,
ווען ער האָט פיינט געהאַט די רו, ווי סם?
ווי וועט ער זען, ווי ס׳שטייען אָנגעבויגן
די שטילע ווערבעס ביי זיין שטאָלצער צאָם?

געוואוינט איז ער: די הויך זאָל שטענדיק הודען,
און וואַקסן זאָל צו אים דאָס קאָרנברויט...
ער איז געבוירן אויף דער ערד דאָ צוליב רו דען?
ער איז געפאַלן אויף דער ערד דאָ זיין שוין טויט?

יאָ, ניט אומזיסט האָט ער געוואָגלט און געוואַנדערט,
אַוואו אַ סטעפּ און וואו אַ באַרג און וואו אַ וואַלד,
איז דען אין אויגן זיינע עפּעס ניט פאַראַן דאָרט
אַזוינס, וואָס קאָן די ערד־פלאַך טון אַ שפּאַלט?...

אַזוינס, וואָס גרייכן צו דער הויכער זון קען,
אַזוינס, וואָס וואַרפט אַמאָל אין היץ, אין קעלט?
איז דען די קראַפט פון בליק זיינעם פאַרזונקען?
איז דען זיין שוואונג קיין רוף ניט צו דער וועלט?

וואָס שטייען דאָ די קלעזמער און זיי ברומקען?
וואָס זיינען ביי באַגלייטער אויגן רויט?
ווער האָט געזאָגט, אַז שטאַרבן הייסט שוין אומקום,
ווער האָט געזאָגט, אַז שטאַרבן הייסט שוין טויט?

מיר טריגקען אָפּט פון קוואַלן פון פאַרגרויטע
און הערן ניט דאָס קול פון נייעם ברויז.
עס טרעפט, אַז לעבעדיקע ווירקן פונקט ווי טויטע
און ס'טרעפט, אַז טויטע פירן אונדז פאַרויס!

און אָט דער מענטש, וואָס איז אין שלאַכט געפאַלן,
וואָס האָט זיין מוט דעם מוטערלאַנד פאַרטרויט, —
מיר שעפן העלדישקייט פון זיינע קוואַלן
און שעפן לעבנס־חכמה פון זיין טויט!...

בלײ

איך בין געוואוינט שוין קוקן אויפֿן בלײ,
איך בין געוואוינט שוין צו זײַן קעלט און צו זײַן פֿײַער,
איך האָב דערפֿילט, ווי ער איז מיר געטרײַ
און ווי מײַן אָרעם לײַב איז בײַ אים טײַער.

ער הענגט בײַ מיר אין זעקל, בײַ דער זײַט
און ניט ער רוט, און ניט ער רופֿט און ניט ער זשאַוווערט,
ווי שווער איז זי, די שווידערלעכע צײַט,
ווען ס׳הייסע בלוט מיט קאַלטן בלײַ זיך חברט.

עס זוכט דער בלײַ זײַן קרבן און געפֿינט,
ער רײַסט זיך דורך דורך אַלע שמאָלסטע רערן
און ס׳גיסט זיך אָן מיט אים דער שווערער ווינט
און ס׳ווערן שווער מיט אים די גרינגע שטערן.

דער שווערער ווינט, וואָס ברענגט דעם גרוס פֿון שלאַכט,
קלאַפּט אָן אין שויב מיט גרויע הענט פֿון טרויער,
די שטערן מאַכן פֿינצטערער די נאַכט,
ווען פֿרעמדע באָמבעס רײַסן זיך בײַם טויער.

דער בלײַ, וואָס האָט מײַן האַרץ אַזוי געדריקט,
וואָס האָט מײַן זײַן מיט שווידער דורכגענומען,
האָט זיך איבער דער גאָרער וועלט צעצווײַגט
און ווי אַ הערשער אויף דער וועלט געקומען!

דער בלײַ, וואָס האָט געפּענטעט מײַן געמיט,
איז איצט מײַן אײנציקער און זיכערסטער באַגלײטער,
ער היט מײַן סאָד, מײַן פֿרילינג און מײַן צוויט,
מײַן שטאָלצע היים אויף גאָרער ערד דער ברייטער...

איך בין געוואוינט שוין קוקן אויפֿן בלײַ,
איך בין געוואוינט שוין צו זײַן קעלט און צו זײַן פֿײַער,
איך האָב דערפֿילט, ווי ער איז מיר געטרײַ
און ווי מײַן אָרעם לײַב איז בײַ אים טײַער.

זקנים

זומער מיט אַ וואָגן, ווינטער מיט אַ שליטן,
זומער אין אַ קעפּי, ווינטער אין אַ היטל,
ווינטער מיט אַ שליטן, זומער מיט אַ וואָגן,
און די פערדלעך יאָגן און די פערדלעך טראָגן,
און די בייטש די לאַנגע פּאַכט אין אַלע זייטן.
מזל־טוב אייך, זכריה, מיט אַ וועג אַ ווייטן!

ס׳רוט דער ליבער זומער אויף די ביימער־קרוינען
און ס׳איז זכריהס וואָגן פול היינט מיט פּאַרשוינען,
איז וואוהין־זשע פירט זיי זכריה באַלעגאָלע?
אין געדיכטע וועלדער זייגען וועגן שמאָלע,
און עס קרעכצן צווייגן און עס וויינען טכוירן, —
זכריה באַלעגאָלע האָט דעם וועג פאַרלוירן . . .

דרייסיק יאָר האָט זכריה איבער אַלע וועגן
זיך אַרומגעטאַסקעט. ער זאָל דאַרפן פרעגן?
ער זאָל אַמאָל בלאָנדזשען? דאַכט זיך אַלע וועגן
פלעגן זיך אים טראָגן ווי די פריינט אַנטקעגן.
ס׳איז שוין טאָג געוואָרן, ס׳איז שוין נאַכט געוואָרן,
זכריה באַלעגאָלע ווייסט ניט וואו צו פאָרן . . .

זכריה זאָל ניט וויסן! ס׳איז דאָך אַ בזיון,
ס׳איז אַ וויסטע בושה פאַר זיין קאָפּ דעם גרויען,
נאָר וואָס קען מען העלפן, זכריה באַלעגאָלע
האָט ניט אויסגערעכנט אויף אַזאַ בהלה,
אויף אַזאַ מין הודען, אויף אַזאַ מין שיסן,
אויף אַזאַ מין גורל, אויף אַזאַ מין זיסן.

ס׳דאַכט זיך אים נאָך איצטער: נאָכן וואָגן לויפן
פלאַקער פון די שטיבלעך, שוידער פון די הויפן,
טופּעגדיקע שטיוול שווינדלען ערגעץ הינטן,
פּאַכענדיקע שפּיזן רייטן אויף די ווינטן.
און פאַראויס איז פינצטער און פון אונטן מלאַסנע
און פון הינטן פלאַמען — העכער פון די סאַסנעס . . .

הינטער זיינע פּלייצעס ליגט זיין שטעטל, קברים.
שוידער. נאַקעט. ווענן — אויסגעשטרעקטע אָרעמס.
שרפות. אין די שרפות טוקן זיך געשרייען,
גוססדיקע געסלעך קאַרטשען זיך אין ווייען,
אַלע הימלען וואָיען, ס׳יאָמערט דער פרימאָרגן,
און די הייזער שרייען מיט צעפּליקטע גאָרגלען.

ווען דער גרויסער קוילער איז אַריינגעפלויגן
און דערזען דאָס שטעטל מיט פאַרוויינטע אויגן,
האָט ער אָנגעהויבן שרייען, קאָכן, זידן,
וואו זיינען די רוסן? וואו זיינען די יידן?
זוך אין פעלד די ווינטן, זוך אַ ווינט אין פלאַמען,
זוך אין זאַמד אַ נאָדל, זוך אַ טרער אין ימען . . .

אויב דו דאַרפסט די יוגנט — זיצט זי אויף אַ טאַנק שוין,
אויב דו דאַרפסט די יוגנט — זוכט זי דיך פון לאַנג שוין,
מיט אַ שווערער באָמבע, מיט אַ ביקס אַ נייער,
מיט אַ ים פון שנאה, מיט אַ ים פון פייער,
אויב דו דאַרפסט די זקנים, וואָס איז שייך צו זאָגן,
טרייסלען זיי זיך נעבעך אויף אַן אַלטן וואָגן.

אין דער מאָרגן־תּפילה האָבן זיי געבעטן:
בעסער זאָל אַ דונער אינעם וועג זיי פּלעטן,
בעסער זאָל אַ שטורעם זיי אין דר׳ערד פאַרקנעטן,
בעסער זאָלן חיות זייער פלייש צעטרעטן,
איידער פאַר דיין גזלה זייער שטאָלצקייט בויגן,
איידער דיר אַ קוק טאָן, קוילער, אין די אויגן.

הוידען זיך די זקנים הינטער שטילע צווייגן
און קיין דונער קומט ניט, און די שטורעמס שווייגן,
און די חיות ליגן ערגעץ אין די נאָרעס,
און די זקנים פילן, אַז מען איז אויף צרות:
ערגער פונעם דונער פלעטן זיי די ווייען
און די אַלטע מוחות דרייען זיך און דרייען . . .

— זכריה באַלעגאָלע! ווײ צו דיינע יאָרן,
וואו ביסטו פאַרקראָכן? וואו ביסטו פאַרפאָרן?
ווער האָט דיך פאַרפּלאָנטערט? וואָס האָט דיך געטראָגן?
זעכצן גרייזע זקנים שטייען אַרום וואָגן
און די ערד איז פרעמד זיי און דאָס גראָז איז פרעמד זיי,
ווי אין ענגע צווייגן וואָלט דער וואַלד פאַרקלעמט זיי . . .

קוקן אויגן אַלטע — יעדעס אויג פאַר הונדערט,
ווייסלען זייער געל און אומעטיק פאַרהונגערט,
אויגן זעען גאָרניט אינעם וואַלד דעם גרויסן,
צוויי און דרייסיק אויערן הענגען אויפן דרויסן,
נאָר וואָס הערט אַן אויער? — ס'הערן הערצער זעכצן,
ווי ניט ווייט דאָ צווייגן ברעכן זיך און קרעכצן . . .

און מען זעט נאָר שאָטנס רוקן זיך און רוקן —
דורך געדיכטע צווייגן רויבער־אויגן קוקן,
רויבער צי גנבים? אויסשפּירער צי וועכטער?
דייטשישע שטיוואַלעס, רוצחישער געלעכטער . . .
מזל־טוב אייך, זכריה! מזל־טוב אייך, זקנים!
מזל־טוב אייך, יידן, מיט אַ גאַסט אַ שיינעם!

נו, איר גיט זיך אונטער, צי איר וועט זיך שלאָגן? —
חוזקן די דייטשן. און צום אַלטן וואָגן
טוליען זיך די יידן. ס'שמעקט דער וואַלד מיט סמאָלע,
ס'קוקט אויף זיינע פערדלעך זכריה באַלעגאָלע —
פערדלעך, ווי די אָדלערס, גריוועס ווי די פליגל,
זעכצן הערצער קלאַפּן מיט דערשרעק פאַרזיגלט.

חוזקן די דייטשן: — זעט נאָר די גוואַרדייצעס!
און די יידן שווייגן, קנייטשן מיט די פלייצעס.
— קוקט נאָר אָן די העלדן! — און די דייטשן לאַכן,
— וואַרט נאָר מיט די יודעס? מ׳עט שוין עפּעס מאַכן . . .
און ס׳באַפעלט דער עלטסטער: — —„באַק און גאָרגלשניידער!
נעמט אַראָפּ ביי צווייען די פאַרשמוצטע קליידער.

„טוט זיך איבער שנעלער, נעמט די פערד און וואָגן.
אינעם שטעטל קאָרסון זאָלט איר באַלד זיך טראָגן.
ביז איר וועט די סוואָדקע צום פּאָלקאָווניק ברענגען,
וועלן מיר די יודען אויף די ביימער הענגען . . .״
זכריה באַלעגאָלע טוט אַ וואונק אַ גיכן,
פּופּצן אַלטע יידן אויף די קניעס קריכן . . .

און די דייטשן וואַרטן — זאָל זיי נאָר בעטן,
זאָלן זיי נאָך מיינען, אַז ס׳וועט גאָט זיי רעטן,
זאָלן זיי זיך בוקן . . . יידן פּויזען שטומע,
קושן זיי די שטיוול. פּלוצים — אַ מהומה,
ס׳כאַפּן פאַר די פּיס זיי די צעדולטע זקנים,
יידן מיט די דייטשן קנוילן זיך אינאיינעם . . .

שאַסן און געשרייען. ס׳פלאַמען ביימער — רייען.
ס׳פאַלן יידן, דייטשן. שאַסן און געשרייען
און די אָדלערס פאַלן מיט צעטרענטע בייכער,
זכריה ווײנט און מורמלט: אָט אַזוי איז גלייכער!
— אויב עס רופט דער טויט שוין — איז ניט שייך צו ריידן,
דאַרף מען כאַטש ווי מענטשן פאָרן אין גן־עדן!

נו, אַ שלאַכט!

אין דער נאַכט, אין דעם ווינט, מיטן וואַלדישן וועג
פירט גאָרעליק זיין טאַנק אין דעם שטורעם־געשלעג,

אין דעם שטורעם־געשלעג, אין דער פלאַמיקער ווייט
שוועבט דער טאַנק און דעם שניי און די וועגן ער שניידט...

שוועבט דער טאַנק, שווימט דער טאַנק באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ,
קוקט דער וואַלד: ס'איז אַ לייב טוקט אין שנייען זיין קאָפּ?

שטוינט דאָס פעלד: ס'איז אַ שיף אַ פאַרשנייטע אַוועק
פון דעם ים און אַרויס צו דעם וואַלדישן עק?...

פרעגט די ווייט: ס'איז אַ באַרג האָט זיך אָקאָרשט צעשיידט
מיט דער ערד און ער שוועבט און ער שווימט און ער גייט?

ניט קיין לייב, ניט קיין באַרג, ניט קיין שיף אינעם גאַנג,
אין דער נאַכט, אין דעם ווינט פירט גאָרעליק זיין טאַנק.

הינטער אים, ערגעץ נאָנט, ערגעץ דאָ ביי דער זייט
שוועבן פריינט, שוועבט דער שטאָל, שוועבט דער שניי, שוועבט די צייט...

און פאָרויס, ערגעץ נאָנט, אונטער קאָלדרעס פון נאַכט,
שטייען שטאָלענע וועלף און מע לאָקערט, מע וואַכט...

און מע טרוימט וועגן רויב, וועגן זויפן פאַרשייט.
ס'איז זיי קאַלט. ס'איז זיי גוט. ס'איז שוין מאָסקווע ניט ווייט...

— וואַרט נאָך צו, ניט געאיילט, ניט געכאַפּט, יונגע לייט!
ס'איז נאָך פרי. ס'איז שוין שפּעט. יונגע לייט, האָט נאָך צייט!

ס'האָט שוין מאָסקווע געשיקט אירע פריינט, אירע זין,
ס'פאָרט דער רוס איוואַנאָוו, ס'פאָרט דער בלאָנדער גרוזין, —

ס׳פאַרט קורידזע, מיט אים דער אוקראַינישער שמיד
קאָוואַלענקאָ איוואַן און גאָרעליק דער ייד.

יאָ, גאָרעליק, דער ייד, וואָס איר זוכט אים שוין לאַנג,
וואָס איר האָסט אים אַזוי פאַר זיין בלוט, פאַר זיין דראַנג!

ס׳איז שוין מאָסקווע ניט ווייט? האָט נאָך צייט, יונגע לייט,
ס׳איז נאָך ווייט. ס׳איז נאָך ווייט. צום געלעכטער איז ווייט!

ס׳וועט דער רוסישער שניי אייך נאָך טון אַ פאַרשיט,
ס׳וועט די רוסישע ערד אייך נאָך בריען די טריט,

ס׳וועט אַ גיהנום אייך ווערן די רוסישע נאַכט
און איר ווייסט שוין, וואָס רוסישער בליי טוט אין שלאַכט!

נו אַ שלאַכט! נו אַ שלאַכט! ס׳האָט זיך אַלע געדאַכט,
אַז ס׳האָט קיינמאָל די ערד ניט געזען אַזאַ שלאַכט.

פון דעם דונער־געוואַי האָבן וועלטן געטויבט,
ס׳האָט די פראַסטיקע ערד זיך אויף שטיקער געדרויבט

און געשפרונגען אין רוים, און דער הימל אַליין
איז געפאַלן צעפליקט אויף דער ערד מיט געוויין.

וואָס איז ערד ,וואָס איז הימל? ווער זעט זיי דען איצט,
נאָר עס קראַכט און עס שאַלט און עס קנאַלט און עס בליצט.

ס׳זיינען שטערן אַוועק אין די וואָלקנס פון שרעק
און דער וואַלד האָט פאַרהויבן די צווייגן ווי העק,

ס׳האָט דער וויכער געפייפט און געפייפט האָט דער בליי,
ס׳האָט דער טייוול געגרוילט פון אַזאַ פייערײ...

טו אַ קוק אויפן וואַלד, טו אַ קוק אויפן פעלד,
טו אַ קוק אויף דיין היים — ס׳רופט די היים: זיי אַ העלד!

אָט אָ דאָ זיי אַ העלד אין דעם פראָסט, אין דער נאַכט,
אין דעם פלאַם, אין דעם גרויל. נו, אַ שלאַכט! נו, אַ שלאַכט!

ס׳פירט גאָרעליק זיין טאַנק אין דער נאַכט, אין דעם ווינט,
ווער עס קומט קעגן אים, דער קומט אום; דער אַנטרינט,

דער געפינט זיך זיין טויט אויפן שנייאיקן פעלד,
אין דעם ריטש פון דעם בליי, אין דעם פלאַם פון דער קעלט...

ס׳פירט גאָרעליק זיין טאַנק. יעדער שאָס, וואָס ער שיקט
טרעפט אין קעפ, טרעפט אין בלוט און ער פלעט און דערשטיקט.

און עס דאַכט, אַז אין הילך קלינגט זיין יום־טובדיק קול:
— פלי מיין שטאָלענער פלאַם, פלי מיין פלאַמיקער שטאָל,

פלי אויף רעכטס, פלי אויף לינקס, פלי צום באַרג און צום טאָל,
ברען די פיינט, צינד די פיינט, נעם נקמה, באַצאָל

פאַר דעם בלוט, פאַר דעם שלעכטס, פאַר דעם שוואַרצן פאַראַט,
פאַר דעם ברודער, וואָס האָט ביי דער שטאָט לעני נגראַד

מיט זיין לעבן דעם וועג צו דער שטאָט זיי פאַרשטעלט.
נעם נקמה פאַר אַלץ. פאַרן קאָרן אין פעלד,

פאַר דעם לעמבערגער מיידל, וואָס בענקט איצט נאָך דיר,
פאַר דער אַלטיטשקער מאַמע, וואָס וואַרט ביי דער טיר,

אַז איר זון זאָל זיך קערן צוריק פונעם קריג.
נעם נקמה פאַר אַלץ: פאַרן קינד אין דעם וויג,

פאַר די פינצטערע פענצטער אין בלוטיקע נעכט,
און פאַר מאָסקווער געדויש, וואָס דער פיינט האָט פאַרשוועכט...״

אפשר דאַכט זיך עס בלויז און עס קלינגט ניט זיין קול,
נאָר עס דונערט דער פלאַם און עס יאָמערט דער שטאָל...

נו אַ שלאַכט! נו אַ שלאַכט! ס'ווערט דער רויש ניט געשטילט
און גאָרעליק דערפילט: ס'האָט דער שונא געצילט

און געטראָפן אין טאַנק און זיין טאַנק איז אין פלאַם
און ער שווימט ווי אַ שיף אין אַ שטורעם אין ים.

ניט קיין שיף, נאָר אַ באַרג האָט זיך אָקאָרשט צעשיידט
מיט דער ערד און ער שווימט און ער פלאַמט און ער גייט...

ניט קיין שיף, ניט קיין באַרג, אַ פאַרוואונדעטער לייב
האָט געטון קעגן פיינט זיינע כחות אַ הייב...

ס'ברענט דער טאַנק, ווי אַמאָל אין אַ שלאַכט ביי אַ וואַלד, —
פון דעם פייער ווערט הייס, פון דעם פייער ווערט קאַלט —

ס'האָט געדאַכט: יענער פלאַם פון אַמאָליקער שלאַכט
האָט געיאָגט זיך נאָך אים טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט

און געפּאַקט האָט ער אים הינטער מאָסקווע. ניט ווייט.
נו, אַ שלאַכט, נו, אַ נאַכט, נו, אַ פלאַם, נו, אַ צייט!

ס'ברענט דער טאַנק און די נאַכט פון זיין פייער ווערט רויט, —
אויב דאָס לעבן איז קאַרג, זאָל באַזיגן דער טויט!

ס'פירט גאָרעליק זיין טאַנק מיט דעם אומקום באַשיינט,
ניט קיין טאַנק — אַ וואולקאַן פליט אַקעגן די פיינט...

און ער צינדט זיי, און ברענט און פאַרמישט מיט דער ערד, —
ניט קיין טאַנק, — ס'פליען שרפות אויף שטאָלענע פערד...

ווען גאָרעליק האָט יונג זיינע אויגן פאַרמאַכט
האָט זיין טאַנק נאָך געברענט אויף די פלעצער פון שלאַכט

און זיין הייליקער פלאַם האָט גערופן נאָך מער:
צום געווער! צום געווער! צום געווער! צום געווער!

פ י י ע ר

ס׳איז יעדערן באַשערט זיין ביסל פייער,
וואָס וואַרעמט און וואָס לייטערט און וואָס שטאַרקט.
און וואויל איז דעם, וואָס האָט זיין פלאַמיקן צושטייער
פאַר קומענדיקע דורות ניט געקאַרגט.

ניט אַלע ווילן זיך שוין היינט פאַרגינען
צעפאַקלען זיך פאַר מאָרגנדיקע טעג,
זיי בלייבן בלויז דער רויך אין דעם באַגינען,
זיי בלייבן בלויז דער רויך אין דעם געשלעג.

אין איינעם גיט אַ בליץ אַ בליץ אַ בלויער,
אַ בליץ און ווערט מיט קאַלטן אַש באַשיט
און דאָס איז אַלץ. די שוואַרצע ראָם פון טרויער
באַרעמלט זיין פאַרלאָשענעם געמיט.

אַ צווייטער טראָגט אַ פלעמעלע אַ קיליגקס,
אַ רואיקס ווי אַ ליכט אויף אַ קאָמאָד —
עס וועלקן האַרבסטן און עס קומען פרילינגס,
דאָס פלעמל זעט מען ניט. עס איז אַ סוד.

און ווי אַ פיסנע קאַנעץ טליט דער דריטער,
ער טשאַדעט און אים דאַכט זיך, אַז ער ברענט;
ווי אָרעם און ווי טונקל איז זיין ציטער
אויף שטילע בין־השמשותדיקע ווענט.

אַ פערטער רוישט מיט פלאַמענדיקן גאַרניט,
ער שפּריצט מיט פייערלעך אויף יעדן קער, —
דו קוקסט און קוקסט און ס׳אַרט דיך אויף קיין האָר ניט —
ס׳איז פייערווערק, וואָס פינקלט און ניט מער!

אַ פֿינפֿטער רויכערט, ווי אַ פֿייכטער דאָרן,
ער האָט קיין אומרו ניט, קיין לעבן ניט, קיין זין,
און ס׳טליען זיינע טעג און זיינע יאָרן
ווי אומעטיקע קוילן אין קאַמין...

ווער דאַרף דעם רייטער, וואָס האָט אָפּגערייטערט,
און האַלט זיין ביסל פֿייער אויף אַ שלאָס;
אַ לויב צו די, וואָס טראָגן זיך צעשייטערט
און ווייסן צוליב וועמען, צוליב וואָס.

אַ לויב צו די, וואָס האָבן זייער פֿייער
געוואָרפֿן אויף די וואָגשאָלן פֿון שטרייט,
וואָס האָבן זייער פֿלאַמיקן צעשטייער
געשענקט דעם לאַנד, די דורות און דער צייט!

שימעלע גוטניק דער פּאַרטיזאַנער און זיינע פריינט

זיי זיינען אַריין אינעם דאָרף מיט אַ ליאַרעם,
מיט פולע פּיסטוילן און ליידיקע זעק;
אין דאָרפישע כאַטעס איז קאַלט און ס׳איז וואַרעם
און ס׳זויט פון די טירן מיט טויבקייט און שרעק...

און שטיל איז געוואָרן ווי אַלץ וואָלט אַנטרינען,
ווי אַלץ וואָלט געשטאָרבן אין כאַטעס, אין גאַס,
עס האָבן נאָר קאַסקעס אין טויטן באַגינען
געשווינדלט מיט צלמים פון דייטשישן האַס...

עס דאַכט זיך: ס׳איז קיינער אין דאָרף ניט פאַרבליבן,
מ׳איז אַלע מיט ביקסן אַוועק צו דעם יאַר,
און ווער איז עס פלוצים אַרויס פון זיין שטיבל?
ווער שליידערט זיין לעבן אין ים פון געפאַר?

ס׳איז שימעלע גוטניק! ער לויפט און ער פילט ניט
צי לויפט ער, צי לויפט גאָר די ערד אונטער אים;
אַפילו קיין הינטל קיין היימיש דאָ בילט ניט,
ווער רעדט פון אַ וואַרעמער היימישער שטים?...

ס׳איז שימעלע גוטניק! ער לויפט דען? עס טראָגט אים.
עס טראָגן צום יאַר אים די זעקלעך מיט בליי,
מיט זיבעצן בייטשן דער אומגעדולד שלאָגט אים
און זיבעצן אומגליקן פליען פאַרביי.

עס וואַרטן אויף אים פּאַרטיזאַנער אין גריבער,
אין וועלדער, אין קאָרן, אין גראָזן, אין יאַר,
ער נויגט זיך, ער פויזעט, ער פליט ווי אין פיבער,
עס זאָל אים דער שונא ניט שטעלן צום נאַר...

ער נישטערט די פּוסטקייט מיט גלעזערנע אויגן
און פול איז מיט פאַרזיכט און כישוף זיין גאַנג —
אַט איז ער אַ פוקס און אַט איז ער אַ פויגל,
אַט איז ער אַ טאָפּאָל, אַט איז ער אַ זאַנג...

ס׳איז שימעלע גוטניק דער לץ און דער פויער,
דער דאָרפישער בדחן, דער פריילעכער יונג,
די האָר אויף זיין קאָפּ ווערן גרויער און גרויער
און ס׳גליווערט אין מויל די פאַרלעגערטע צונג.

דער טויט לויפט אַנטקעגן דערלאַנגען זיין בויד אים,
דער טויט וועט שוין טרייבן די פערדלעך אַליין,
עס פאַלט אַ געשריי פון אַ פינצטערן בוידעם,
עס זעצט פון אַ קעלער אַ טויבער געוויין.

און שימעלע גוטניק ווערט שיער ניט פאַרשאָטן:
עס שטעכן אים בליקן, ווי שפּיזלעך פון האַס
זיי פּיקן זיין פּלייצע, זיי טאַפּטשען זיין שאָטן, —
אַ דייטש איז געלאָפן נאָך אים דורך דער גאַס.

עס ווערן די פיס אים, ווי קלעצער, ווי שטיינער,
דאָס בלוט ווערט אין אָדערן בלויע פאַרקילט.
און ווער קאָן אים ראַטעווען? קיינער ניט! קיינער,
דער דייטש האָט שוין איינמאָל און צוויימאָל געצילט.

נאָר שימעלע גוטניק האָט פריינט אָן אַ שיער דאָ:
אַט שטרעקט אים אַן עפּל־בוים אויסעט אַ האַנט,
אַט קוטעט אים איין אין די זאַנגען אַ סקירדע,
אַט ווערט אים אַ נעסט אַ פאַרוואונדעטע וואַנט.

ער טוקט זיך אין שוידער, ער באָדט זיך אין ליאַרעם,
ער טוקט זיך פאַר קוילן, וואָס לויפן אים נאָך
און ס׳טראָגט פונעם דאָרף אים און ס׳ציט צו דעם יאַר אים
און ס׳קלינגט אינעם קאָפּ אים זיין אייגענער בראָך.

ער פּילט, ווי דאָס האַרץ ווערט צעפּאַלן אויף שטיקער, —
ער האָט שוין אַ קויל בײַ די שלייפן דערפילט,
אַ גליק, וואָס דער דייטש איז אַ ביסעלע שיכור
און טרעפט ניט אַהינצו, וואו ער האָט געצילט...

נאָר אָט איז אַ צווייטער — אַ דייטש אין אַ קאַסקע,
דער ייד האָט זיין אָטעם דערהערט שוין כמעט, —
אַ גליק, וואָס עס שלעפּט, וואָס עס ציט, וואָס עס טאַסקעט
אַ זאַק מיט גנבה דער דייטשער סאָלדאַט...

און ס'לויפט נאָכן צווייטן אַ דריטער, אַ פערטער
און שימעלע גוטניק דערפילט: ס'איז קאַפּוט —
ער שפּרינגט אין אַ הויף, און אַריין אין די גערטנער,
עס לויפן דריי דייטשן נאָך שימעלעס בלוט...

אין קאָפּ ווערט אַ וויוגע, אין האַרץ ווערט אַ שייטער,
אָט בלענדן די בלעטער, ווי דייטשישע קנעפּ.
ער לויפט צו דער כאַטע, וואָס רוקט זיך אַלץ ווייטער
און ס'שפּרינגען די ביימער אַראָפּ מיט די קעפּ...

דער טאָג ליגט אויף טויזנטער שמאַטעס צעריסן,
ס'פאַרשווינדט פון די אויגן די האַרבסטיקע שיין,
אַ קרעכץ פון אַ קליאַמקע, אַ זיפץ פון אַ שליסל
און ס'שלינגט אים דאָס דאָרפישע כאַטקעלע איין.

און איידער ער האָט זיך אַ ריר טאָן באַוויזן
און איידער ס'איז עפּעס אין כאַטקע געשען
און ביז ס'האָבן דייטשן געפּרואווט מיט די שפּיזן
אַ טאַפּ טאָן די כאַטע, וואו ער איז געווען, —

איז שימעלע גוטניק געווען שוין באַוואָרנט,
עס האָט שוין דער קוימען פאַרגרייט אים אַן אָרט,
דער בליי האָט געבריט און ס'האָט גוטניק געצאָרנט,
געזידלט, געשאָלטן מיט וואָס אין דער קאָרט

אי זיך, אי דעם דייטש, אי דעם טאָג דעם פאַדרייטן,
וואָס האָט אים דעם מוח דעם מידן פאַרשטויבט,
ער האָט זיך דערפילט, ווי זיין לייב איז אין קייטן,
ער האָט זיך געפילט, ווי ער גליוועדט אין טויבט.

ער האָט ניט געהערט: אין דעם הויף אין דעם קאַלטן
עס זיינען דריי דייטשן אַריין מיט געשריי
מע זאָל זיי דעם יודע, וואָס מ׳האָט דאָ באַהאַלטן,
אַרויספירן תיכף און ברענגען צו זיי.

אין הויף שטייט סטעפאַן סימאָנענקאָ — דער פויער,
עס גייט אים קיין עין־הרע דאָס אַכציקסטע יאָר —
ער ווייסט ניט פון גאָרניט, ער צלמט זיין טרויער
און שווערט ביי די גרייזע, די זילבערנע האָר...

ער ליגט שוין דערהרגעט און קאַלט אין זיין אַלטקייט,
עס זעען ניט די אָפענע אויגן שוין מער,
ווי ס׳וואַרפט זיך אַ דייטש אויף זיין טאָכטער נאַטאַלקע
און שרייט צו איר: „ברענגען דעם יודע אַהער!“...

זי קוקט מיט צוויי אויגן ווי אונגערשע פלוימען —
איר פּנים איז אָפן, באַשיידן און ברוין,
עס טוט איר אַ שוועב פאַר די אויגן דער קוימען...
— „ניע באַטשילאַ! — זאָגט זי — ניע זנאַיו! — און שוין!“

איצט ליגט זי אַ שטומע און שרייט ניט „ניע זנאַיו“,
ווי לייכט ס׳האָט אַ קויל מיט דער ערד זי צעשיידט;
זי קוקט אויף די הימלען, די קלאָרע, די פרייע,
וואָס זיינען מיט וואָלקנס פון אומרו פאַרזייט.

זיי שווייגן שויןביידע און ס׳שטייט צווישן ביידע
אַ יונג אַ צעניאַריקער — פשוט אַ ברען —
ער שטייט ווי זיין מאַמע, ער רעדט ווי זיין זיידע —
— ניקאָהאָ ניע באַטשיוו! ער האָט ניט געזען!

די דייטשן — זיי טופּען, די דייטשן — זיי הודען
און סטיאָפּקע — אַ נאַקעטער — שטייט אינדערמיט
און יאָמערט, ניע באַטשיוו, ניע באַטשיוו קיין יודע!
און ס׳ליגן אין הויף שוין אַצינד זאַלבעדריט...

אַז מ׳האָט שוין באַצאָלט פאַר זיין לעבן צו טייער —
האָט שימעלע גוטניק אין קוימען דערהערט —
אַרויף אויפן דאַך און אַ דונער מיט פייער
און ס׳פאַלן די דייטשן ווי הינט אויף דער ערד.

און פול ווערט דער יאַר מיט נקמה־פאַרלאַנגען,
ס׳האָט שימעלע גוטניק געבראַכט זיי דעם בליי,
און ס׳זייגען פון יאַר פאַרטיזאַנער געגאַנגען
באַפרייען די ערד און דעם הימל אויפסניי.

בריקן

איבער אַלע טייכן הענגען בריקן,
ניט קיין בריקן — אמתע אַנטיקן...

שטאָל־געטאָקטע און מיט זון באַזוימטע
הענגען זיי, ווי שלעסער אויסגעטרוימטע...

רופנדיקע, לופטיקע, צעבליצטע,
שטאָל־געטאָקטע, זון־באַזוימטע, האַלץ־געשניצטע...

פליען שפּאַרבערס פון אַ לאַנד אַ ווייטן,
מיט אַ פלאַם אין ציין אַזאַ פאַרשייטן,

שוואַרצע פויגלען טראָגן טויט און שנאה,
ברענען בריקן איבער מיין מדינה...

פאַלן בריקן אויף די קאַלטע שטראָמען,
בריקן פאַלן אין די אַלטע תהומען.

די פאַרענטשן ווי צעפליקטע פליגל
איבער טויטע אָפּגרונטן זיך וויגן...

פאָרלעך פלעגן דאָ אַמאָל שפּאַצירן
און דער שטויב אַפילו פלעג דאָ שעמערירן...

טרויער מיינער! שטיי ניט אויף די וועגן,
ווי אַ וועכטער שטעל זיך ביי די ברעגן.

דו וועסט זיין ביי מיר דער ערשטער עדות,
אַז די בריקן, וואָס געדענקען מיינע זיידעס,

װעלן װידער אױפֿשטײן נאָך די שלאַכטן
און זיך שפּיגלען אינעם װאַסער אין פֿאַרנאַכטן.

איבער טײַכן װעלן הענגען בריקן,
ניט קײן בריקן — אמתע אַנטיקן.

װײַל ס'איז דאָ אױף דר'ערד אַ בריק אַזאַ מין,
װאָס קײן שונא שרעקט אים ניט, קײן פֿלאַמען

נעמען ניט זײַן װאונדער־שטאָף. צעפּליקן
קאָן מען ניט דעם בריק פֿון אַלע בריקן!

יענער בריק איז ניט פֿון האָלץ, פֿון אײַזן,
ער איז ניט צום שפּאַנען, ניט צום רײַזן,

און דער שונא קען צו אים ניט גרײַכן,
ער איז העכער פֿון זײַן קראַפֿט און שׂכל!

ס'איז דער בריק, װאָס אים געזען האָט קײנער,
און אַזאַ איז דאָ אינגאַנצן אײנער!

אײנער איבער טײַכן, טאָלן, װעגן —
איך און הײמלאַנד זײַנען זײַנע ברעגן.

און די פֿײַנט אַפֿילו פֿאַר אים קניען:
פֿון מײַן האַרץ הײבט אָן דער בריק זיך ציען

און מײַן הײמלאַנד מיט מײַן האַרץ פֿאַרבינדט ער,
אָט דער בריק פֿון זון־שײַן אַ געשפּינטער.

בלײַ און פֿײַער, באָמבעס און האַרמאַטן
קאָנען אָט דעם װאונדער־בריק ניט שאַטן.

טרױער מײַנער! בלאָנקע ניט אױף שליאַכן,
נעם אַ ביקס און גײ מײַן בריק באַװאַכן.

דער ברידער־קבר

ס׳האָט נאָך ניט באַוויזן אַנטלויפן די נאַכט,
ווען ס׳האָבן די דייטשן אין פעלד זיי געבראַכט.

דאָס דאָרף האָט געברענט און דער פראָסט האָט געברענט,
דער האַס האָט געברענט אין ווייסרוסישע הענט.

דער ווינט האָט געפּאָכט מיט זיין שנייאיקער בייטש,
נאָר קעלטער פון פראָסט איז דאָס פּנים פון דייטש:

— „וואָס שטייט איר? ווער האָט אייך די צינגער פאַרקלעמט?
— „וואָס שטומט איר? נו, גיכער די לאָפּעטעס נעמט

און גראָבט אויס אַ קבר — ס׳זאָל טיף זיין און ברייט!...״
דער ווינט האָט די קנוילן נאָך בייזער געדרייט.

ווייסרוסישע כאַטעס. ווייסרוסישער שניי.
דערהערן ווייסרוסן אַ ווייטן געשריי.

ווער שרייט עס? מע ווייסט ניט. דער שכן? דאָס קינד?
די אַלטיטשקע מאַמע? דער היימלאָזער ווינט?

עס קוקן ווייסרוסן אויף זייער פאַרמעג —
צעריסענע פעלצן, צעבראָכענע טעג,

צעטאָפּטשעטע דערפער, פאַרפרוירענע הענט
און אַלץ, וואָס אַמאָל איז געווען — איז פאַרברענט...

פאַר וועלכע פאַרברעכנס? פאַר וואָס פאַר אַ זינד?
— די לאָפּעטעס נעמט נאָר, מוזשיקעס געשווינד!

די פויערשע בליקן פאַרגייען אין שניי:
— אַ קבר?
— קבר.
— פאַר וועמען?
— פאַר זיי.

דער דייטש טוט אַ ווייז מיט דער האַנט אויף צוריק:
אַ קופּקעלע יידן, געפּענטעט מיט שטריק —

זיי שטייען געבונדן אין ווינד און אין ווײ
מיט אויגן פאַרקילטע אין שטומען געשריי.

זיי שטייען ווי שעפּסן, זיי אָטעמען שווער,
מ׳האָט נעכטן פאַרטריבן זיי אַלע אַהער.

זיי שעלטן דעם גורל, וואָס האָט זיי פאַריאָגט
אַהער אין די שנייען צו שטאַרבן. עס טאָגט...

עס טאָגט און עס בלוטט שוין דער הימלשער ראַנד,
זיי שטייען פאַריתומט — צו שפּאָט און צו שאַנד.

דאָס בלוט ווערט פאַרפרוירן, דאָס האַרץ ווערט פאַרקילט.
פון ווייט האָט אַ היימלאָזער הונט זיך צעבילט

און ס׳האָט זיך געטראָגן דאָס הינטישע קול
דורך פעלדער פאַרשטומטע, דורך שנייאיקן טאָל...

די יידן — זיי האָבן איצט גאָרניט געהערט,
זיי האָבן געוואוסט, אַז ס׳איז שטאַרבן באַשערט

און ניט ווי די לייבן — אין גרויסן געשלעג,
ס׳איז פאַלן באַשערט זיי ווי האָזן אין וועג...

זיי שטייען ווי זייערע אָבות אַמאָל,
וואָס זיינען געשטאַנען אַזוי ניט איינמאָל

ווען ס׳האָבן זיי מיצרים מיט פיילן געשיט,
ווען מ׳האָט פאַר זיי שייטערס געגרייט אין מאַדריד...

זיי שטייען. און פול איז מיט ווייטיק דער כוס,
צו וועמען זיך ווענדן? צו וועמען? צו וואָס?

די פראָסטיקע לופט גיט אַ קלונג מיטאַמאָל,
דער דייטש טוט אַ דונער — זיי קענען זיין קול...

און ס׳גיבן ווייסרוסן אַ הייסן געשריי:
— מיר וועלן ניט גראָבן קיין קבר פאַר זיי!

די דייטשישע אויגן — אין פייער, אין פלאַם,
די דייטשישע ליפּן — אין פייער, אין סם...

די דייטשישע פינגער — אויף קאַלטן געווער,
עס דונערן גאַרגלען: די יידן אַהער!

די צייט איז אַ הייסע — געזאָגט און געטון.
— וואָס שטייט איר? — שרייט אויס דער צעהיצטער דייטשון.

— איר יידן פאַרפלוכטע, די לאָפּעטעס! גיך!
עס קוקן די יידן אויף זיי און אויף זיך.

— וואָס שטומט איר? נו, פלינקער! די לאָפּעטעס נעמט!
די לאָפּעטעס ליגן אין שנייען פאַרשעמט...

— פאַרשאָלטענע הענדלער! הערט אויס און געדענקט:
ווער ס׳וויל ס׳זאָל אים ווערן דאָס לעבן געשענקט,

ווער ס׳וויל נאָך היינט שלאָפן ביי זיך אין דער שטוב,
זאָל לויפן דער ערשטער און גראָבן אַ גרוב!...

עס שטומען די יידן, ווייסרוסן — מע שטומט,
די רגע די לעצטע, די לעצטינקע קומט...

דער דייטש טוט אַ שמייכל, אַ קרומען — „גענוג!
עך, יידישע הענדלער און האַנדלען ניט קלוג!...“

— מיר האָבן געהאַנדלט מיט אַלץ אויף דער וועלט,
נאָר ניט מיט געוויסן! — אַ הילך טוט דאָס פעלד

און ס׳פאַלן קרבנות אין ציכטיקן שניי,
אַ דונער פאַרהילכט זיין לעצטן געשריי.

זיי האָבן אינאײנעם געלעבט און געבויט
און האָבן אינאײנעם באַגעגנט דעם טויט.

און ניט ווי די האָזן, וואָס פאַלן פון שרעק —
ווי העלדן, וואָס גיבן די לעבנס אַוועק,

וואָס דעקן די חובות פון אָבות מיט טאַט
און לאַכן פון מורא, פון שרעק און פאַראַט.

דער טויט האָט זיין מאַכט אין די קערפּערס געשפּרייט,
דער שנײ האָט מיט קלאָרקייט די אויגן פאַרשנייט.

דער דענקמאָל, וואָס מ׳האָט זיי דערוויַיל ניט געבויט,
איז קלאָרער פון שנײ און איז שטאַרקער פון טויט...

קאַלירן

כ׳האָב ליב די פיל־קאָלירטע וועלט,
פון באַרג־שפּיצן און תהומען,
מיך ציט די גרינקייט פונעם פעלד,
פון גראָז די דינע שטראָמען...

און קיינמאָל ווערט מיין אויג ניט זאַט
און ס׳ווערט ניט נמאס טרינקען
די שאַרפע גרינקייט פונעם בלאַט,
וואָס ווערט אין זון פאַרזינקען...

כ׳האָב ליב די שוימענדיקע שפּיל
דעם פינקל פון די פאַרבן,
ווי קאָנען אויגן בלייבן קיל
צום גאָלד פון זונען־גאַרבן ?

צום האָניק פון דער זונען־שיין,
צום געלן רויש פון קאָרן,
איך פאַל פאַרטאָג אין אים אַריין
און ווער אין אים פאַרלאָרן...

כ׳האָב ליב דעם פלאַטער פונעם טוי,
די טראָפּנס פערלמוטער,
איך וויקל זיך אין הימל־בלוי
ווי אין אַ בלויען פוטער...

עס שיכורט מיך ווי ווייסער ווייַן
די ווייסקייט פון די שנייען,
ווען ס׳קומט אויף זיי די קאַלטע שייַן
די זוימען ליכט פאַרזייען...

ניט איינמאָל האָט אויף טריט און שריט
די שוואַרצקייט מיך געצויגן,
ס׳איז דער קאָליר פון אַנטראַציט
און פון מיין מיידלס אויגן...

און יענע שוואַרצקייט כ׳לויב און אַכט
און וועל אין אויג זי האַלטן,
זי האָט אין מאַנטלען פון דער נאַכט
פון שונא מיך באַהאַלטן...

נאָר מער פון יעטווידן קאָליר
איז ליב מיר פון לאַנגאָנעץ
די פאַרב, וואָס פלאַקערט אין עפיר,
די רויטקייט פון די פאָנען!

צו אוקראַינע

איך פיל דיינע וואונדן, איך פיל דיינע טרערן,
איך הער, אוקראַינע, דיין קול,
איך הער ווי עס פאַלן צעשאָסענע שטערן
אויף בלוטיקער שטילקייט פון טאָל.

דער דניעפּר איז פאַרקאָוועט אין אייז און אין קייטן
און רייסט זיך אַ שטומער פון ברעג,
און מאַמעס, מיט אויגן פאַרוויינטע באַגלייטן
די זין אינעם לעצטן געשלעג.

איך זע דיינע זין דורך די וועלדער זיך טראָגן,
איך הער זייער יאָג דורכן סטעפּ;
איך זע, ווי עס פינקלען די ווינטער־פאַרטאָגן
ווי קרוינען אויף זייערע קעפּ.

און וואו נאָר אַ כוטער און וואו נאָר אַ כאַטע
הויבט אויף זיך אַ יובעל־געשריי,
און שלאַנקע טאָפּאָליעס, פאַרשנייטע, קודלאַטע
פאַרנויגן די צווייגן פאַר זיי.

איך זע דיינע זין אין די היטלען פון שמויסן,
זיי פליען באַפרייען אויפסניי
דעם יונג־זאַפּאָראָזשער באַליידיקטן דרויסן
פון אומגליק, פון בלוט און פון בליי...

דורך דאָרפישע כאַטעס, דורך וואַלדישע וועגן
דיין רוף, אוקראַינע, זיך שפּרייט,
פון קאַנעווער קרוטשעס, פון קיעווער ברעגן —
איך זע ווי דיין גבורה שוין גייט!

זי גייט פאַר דיין בלוט, פאַר דיין ריינעם באַצאָלן
וואָס גיסט זיך ווי וואַסער אין גאַס,
דער פיינט קאָן צעטרעטן דאָס גראָז אין די טאָלן,
נאָר ניט דיין געשוואוירענעם האַס!

ער קאָן ניט צעטרעטן דיין רום און דיין ערע,
דיין האַס צו די פיינט איז פאַרהיט;
ער ליגט אין די העלדזער פון ביקסן פון שווערע
צו שעפּסענע פעלצן געשמידט.

ער לעבט אין דער מילדער פאַריתומטער נייקייט,
וואָס וועט ניט פאַרגיין פון דער ערד,
און ס'דוכט אַז עס פליט סעווערין נאַליווייקאָ
און טראָגט אים, דיין האַס, אויף זיין שווערד.

דיין האַס וועט די שונאים אויף שטויבן צעמאָלן,
עס וועט זיי פאַרברענען דיין זון, —
איך הער שוין דעם פריידיקן רוף אין די טאָלן —
דאָס פליט אין די שלאַכטן באָגון!

איך זע ווי די העלדן זיך מערן ווי שטערן,
ווי זאַמד אויף די ברעגן, ווי מאָן,
זיי פליען צו דיר פון די וואָלגער באַריערן,
זיי פליען צו דיר פונעם דאָן!

איך הער, אוקראַינע, ווי ס'וויינט די באַנדורע
אויף פעלדער, אין כאַטעס, אויף מערק,
און כ'זע ווי עס הייבט זיך דיין שטאָלענע גבורה,
דיין קאָרענע גבורה אויף בערג!

וויג־ליד

שלאָף ניט, קינד מיינס, שלאָף ניט, טייערס,
איצט איז ניט די צייט,
הער ווי ס׳בושעוועט דאָס פייער,
ס׳קלאַפּט אין דאַך און שרייט.

כ׳וועל ניט זינגען דיר קיין לידל,
שאַ, נשמה, שטיל,
ס׳שפּילט דער שטורעם אויף זיין פידל
זיין מלחמה־שפּיל.

שלאָף ניט, קינד מיינס, הער ווי ס׳בילן
באָמבעס אומעטום,
אין דיין אַלקערל דעם שטילן
וויינען שאָטנס שטום...

אין דיין פענצטערל דעם ריינעם
קוקן שטערן בלינד,
אין דיין וויגעלע דעם שיינעם
שלאָפט די נאַכט אַצינד.

שלאָף ניט, קינד מיינס, זע ווי ס׳פלאַטערט
אונדזער נעכטיק גליק,
גיך וועט שוין געוויס דיין טאַטע
קערן זיך צוריק.

אויף פֿאַרשנייטע פעלדער ליגט ער,
אינעם גרויען קאַנט
און די פיינט זיין פייער שיקט ער
מיט זיין שטאַרקער האַנט.

און זיין קול די קריגער הערן
אין פֿאַרשנייטן פעלד,
ווען דו וועסט אַ גרויסער ווערן,
זיי, ווי ער, אַ העלד!

די מיל פון מלחמה

די מיל פון מלחמה פאַרהויבט אירע פליגל,
די מילשטיינער דרייען זיך פונקט ווי אַמאָל;
אַ זקן אַ גרויער, אַ קינד אין אַ וויגל
צעשפּרייטן די הענט און זיי פאַלן אין טאָל...

און ס׳בויגן זיך, ברעכן זיך, פלאַקערן זאַנגען,
די ערד איז אין גריבער, ווי זי וואָלט געפּאַקט,
צעריסענע דראָטן אויף הרובע שטאַנגען
דערציילן דער וועלט, אַז ס׳האָט לאַנג ניט געטאָגט...

עס ליגן ווי געלע סקעלעטן די טאָלן,
עס ליגן די בערג, ווי פאַרשניטענע קעפּ,
די מילשטיינער מאָלן און מאָלן און מאָלן
און נעכטיקע שטעט ווערן היינטיקער סטעפּ.

עס פליען די צוגן מיט בריקן צוזאַמען
און ס׳טאַנצן די כוואַליעס אויף דעכער ביי זיי,
דערהרגעטע שיפן פאַרזונקען אין ימען
און מעווען אַנטלויפן פון ברעג מיט געשריי...

ביז ווען וועט דער אומזין דאָ פלאַמען און קנאַלן,
ביז ווען וועלן בלאַנקען צו פלאַמען געווענדט
פאַרלאָזטע יתומים אויף קאַלטע וואָקזאַלן,
אלמנות מיט בלייכע פאַרבראַכענע הענט?

די מיל פון מלחמה, זי ווייסט ניט פון גאַרניט,
זי מאָלט די קרבנות מיט שטאָלענע ציין,
זי טוט זיך איר אַרבעט, איר אַרט אויף קיין האָר ניט
דער קרעכץ פון די זקנים, דער קינדער־געוויין.

איינס ווייסט זי נאָר, מאָלן און מאָלן און מאָלן,
די ערד ווערט אַ גרויער בית־עולמשער הויף,
איז ווער וועט פֿאַר אונדזערע צרות באַצאָלן?
מיט וואָס קאָן מען דעקן דעם שרעקלעכן חוב?

און ווער וועט עס צאָלן? איך גלויב ניט, אַז קיינער,
דער שולדיקער וועט ניט אַוועק פֿונעם דין,
נאָר וועט דען גענוג זיין דער קריץ פֿון די ביינער
פֿון בלוטיקן מילנער, וואָס זיצט אין בערלין?

האָב איך נאָך אַ שטיקל האַרץ

כ׳האָב געהאַט אַמאָל אַ סאָד, האָט מען אים צעטראָטן,
כ׳האָב געהאַט אַמאָל אַ היים, האָט מען זי צעטראָטן
און מיט פלאַמען, און מיט אַש, האָט מען זי פאַרשאָטן...

ס׳האָט מיין שטעטעלע ווי שטרוי אין דער נאַכט געפלאַקערט,
און מיין הימל און מיין בלוי איז מיט בליי צעאַקערט
אַפגעזונגען, אָפגעוויינט, טונקל אָפגעפלאַקערט...

כ׳האָב אַמאָל געהאַט אַ בעט, שלאָפן אין דעם שלאַנגען,
כ׳האָב געהאַט אַ ווייסע קאַץ, איז זי אויסגעגאַנגען,
אי פון הונגער, אי פון ווי איז זי אויסגעגאַנגען...

קראָען זיצן אויף מיין דאַך און מיין שיין זיי פיקן,
שלאַנגען ליגן אין מיין בעט און מיין האַלדז זיי שטיקן,
אי מיט תּליות, אי אָן שטריק וואַרגן זיי און שטיקן...

שעהן קומען אין אַ טשאַד, ברענען מיך און בראָטן,
און פון מיין אַמאָליק גליק, זע איך בלויז אַ שאָטן,
איבער מיר און הינטער מיר שלענגלט זיך אַ שאָטן...

כ׳האָב געהאַט אַ שלאַנקן בוים, פלעג ער שטענדיק וואַקסן,
קומען העקער מיט די העק, מאַכן פון אים אַקסן,
נאַגנדיקע, קלאַגנדיקע, סקריפּענדיקע אַקסן...

קלאָגט אין מיר מיין ערלעך האַרץ, הייס איך דעם ניט קלאָגן,
ווערט עס שווערער פון אַ שטיין, קאָן איך עס ניט טראָגן,
מיינע ווערטער ווערן העק, קאָן איך זיי ניט זאָגן...

האָב איך נאָך אַ שטיקל האַרץ, וויל מען עס צעשיסן,
און נקמהדיק און בייז שרייט מיר מיין געוויסן,
אַז דעם שונאס שוואַרצע בלוט זאָל איך מער פאַרגיסן...

איך זאָל שטיין אין דעם געפעכט ביז ס׳וועט קראַפּט און שרויט זיין,
ביז דער לעצטער היטלעריסט וועט אין פעלד ניט טויט זיין,
ביז דער ריין וועט פון געוויין און פון בלוט ניט רויט זיין!

קאַנעווער באַרג

ווי יעדער באַרג, איז ער דער ערדס אַ קינד,
וואָס איז אין מאַמעס האַרץ אַריינגעוואָקסן,
ביי זיין צוקאָפּנס וואַכט דער קלאָרסטער ווינט,
ביי זיין צופוסנס יאָגט דער טייך געשווינד
און לאַנגזאַם שלעפּן זיך טשערקאַסער אָקסן.

דער ווינטער זילבערט אים זיין שטאָלצן קאָפּ, —
ער רוט אין קליידער ווייסע אַ געקליידטער,
— דער שני — דער טרויער טרעט פון אים ניט אָפּ
און בלויז אין פרילינג לויפט ער פלינק אַראָפּ
דורך דעם באַרימטן ניט־געטאָקטן לייטער...

ווי יעדער באַרג, איז ער אין הויך פאַרקריצט
און ס'ציט צום הימל זיך זיין שטאָלצער טורעם,
ער שטייט אַקעגן שטורעם ניט באַשיצט
און ליכטיק ווערט אים אויפן האַרץ ווען ס'בליצט
און פריילעך ווערט אים ווען עס וויינט דער שטורעם.

די שיפן, וועלכע גייען אָפּט פאַרביי,
זיך בויגן פאַר זיין קערפּער פאַר זיין ברייטן,
זיין אַלטער נאָמען קלינגט, ווי שטענדיק ניי,
פון זיינע היילן שפּרינגט צוריק דער בליי
און ביי זיין הויך צעפאַלן זיך די קייטן.

פונזואַנען קומט צו אים אַזאַ פאַרשייטע קראַפט,
פונוואַנען נעמט דער רום זיינער די גבורה,
אין גאָלד פון סאָנישניק? אין עפּל־זאַפט?
אין הימל, וועלכער קוקט אויף אים פאַרגאַפט?
אין כישוף־קלאַנגען פון דער אָרעמער באַנדורע?

אין קינדער־שמייכלען, צי אין גרייזע קעפּ,
צי אין דער ערד, דער הוילער און פאַרשטיקטער,
אין שווייגנדיקן זילבער פון דעם סטעפּ,
צי גאָר אין שטילע, שלענגלדיקע טרעפּ,
וואָס פירן צו זיין הייך, דער ניט־באַזיגטער?

געבענטשט זיינען די טרעפּ פון יענער ערד,
די טרעפּ, וואָס ליגן צווישן פאָלק און דיכטער,
האָט דען אַ וווערט פאַר זיי דער טופּ פון שונאס פערד,
פאַר זייער אייביקייט האָט דען אַ ווערט
אַ שווערע נאַכט? אַ שאָס אַן אומגעריכטער?

עס ווערט נאָר אויף אַ ווילע גרויזאַם־שווער
און אינעווייניק קלעמט אַ בלינדער ווייטיק,
די סאָנישניקעס בליען שוין ניט מער,
ביי זיין צוקאָפּנס — שדים מיט געווער,
ביי זיין צופוסנס — בלוטנדיקע שניי־טעג...

דער הימל, וואָס פלעג קוקן אַזוי ריין,
איז היינט מיט אומגליקן פאַראַקערט און פאַרוואָלקנט,
די לופט איז פול מיט קינדערשן געוויין
און גרייזע קעפּ, צעקלאַפּטע אויף אַ שטיין,
זיינען שוין טויב צום ריטש פון פרעמדע פאָלקן.

און דאָס, וואָס מ׳האָט געהערט פרייער סטעפּ,
איז היינט פאַרהושכטער און מידער דרויסן,
די כאַטעס וויגן זיך אין וואַלקנדיקן קרעפּ
און נאָר די טרעפּ און נאָר די פראָסטע טרעפּ
חי פריער לויפן אויפן באַרג דעם גרויסן.

ווער האָט אויף טרעפּ אויף יענע ניט געשפּאַנט,
ווער האָט די טרעפּ מיט אומרו ניט באַטראַכטן ?
פון דאָרט איז מען אַוועק מיט ביקס אין האַנט,
פון דאָרט האָט מען געבראַכט דאָס בלוט דעם קאַנט,
דאָס בלוט, וואָס איז פון שנאה אויפגעזאָטן.

וואָס שווייגט ער איצט, דער קאַנעוועער אַרום ?
צי פון זיין ברויזן ניט געבליבן שוין קיין שפור איז ?
צי איז פאַרשוואונדן פון דער ערד זיין רום ?
די ביימער שטייען אומעטיק און שטום
מיט ברייטע צווייגן, ווי אַנטשוויגענע באַנדורעס...

אָט דאָ פלעגט שטענדיק רוישן, ווי אַ מיל,
פאַרוואָס איז אויפן באַרג היינט אַזוי שטיל ?
ווי בלאָס די ערב־שטורעמדיקע זון איז ;
צי ווילן שוין די ביימער דען ניט טון קיין שפּיל
אויף די צעשאָסענע, צעפליקטע סטרונעס ?

צי וויל די ערד ניט לייטערן איר הויט,
ניט אָפּווישן די שאַנד פון די פאַרברעכער ?
צי ווילן שטערן ניט פאַרוואַנדלט זיין אין שרויט ?
צי וואַרט דאָס ברוינע מיידל ניט ביים פלויט,
אַז ס׳זאָל דער באַרג אַ הייב טאָן זיך נאָך העכער ?

האָט ער, דער באַרג, אַ רגע כאָטש גערוט ?
אין אַלע וועלדער ברענט אַצינד זיין שנאה,
אין אַלע שלאַכטן רוישט אַצינד זיין בלוט,
אין אַלע הערצער לעבט זיין ליד, זיין מוט,
זיין ליבשאַפט צו דעם פאָלק פון אוקראַינע !

זיין ליד איז ניט קיין קאַלטער שטיק מעטאַל
אין דענקמעלער אין בראָנזענע געגאָסן,
זיין ליד בליצט אויף אין דעם האַרמאַטן־שאַל,
זי איז די ביטערניש פון אונדזער גאַל,
וואָס פלאַמט אין אונדזערע געבענטשטע שאָסן.

צי וויל די ערד ניט לייטערן איר הויט,
ניט אָפּשוואַכן די שאַנד פון די פאַרברעכער ?
צי ווילן שטערן ניט פאַרוואַנדלט זיין אין שרויט ?
צי וואַרט דאָס ברוינע מיידל ניט ביים פלויט,
אַז ס׳זאָל דער באַרג אַ הייב טון זיך נאָך העכער ?

אַ, ויפל דונערדיקער אויפרייס ליגט
פאַרהילט אין ערב־שטורעמדיקן שווייגן,
דער באַרג האָט שוין אַ גרוס דעם קאַנט געשיקט —
אויף זיינע פלייצעס האָט זיך שוין צעוויגט
דער אויפקום, וועלכער האַלט שוין אין איין שטייגן.

ער טרייסלט שוין אַראָפּ פון זיך די פעסט
און ס׳קויקלען זיך אין אָפּגרונט זיינע שענדער
דערהרגעטע דורך פולווער און דורך פרעסט
און ס׳וואַרטן שוין די טרעפּ אויף נייע געסט,
וואָס טראָגן אים די לויב פון אַלע לענדער.

בענקשאַפט

איך וואָלט געוואָלט אַ שאָטן זיין,
אַ ווינט, אַ שטויב, אַ וויינשל־בלעטל,
כ׳זאָל אויף אַ רגע בלויז אַריין
אין שטילע געסלעך פון מיין שטעטל.

כ׳זאָל כאָטש אַ קוק טאָן מיט איין אויג
אויף דעם, וואָס כ׳האָב ניט לאַנג פאַרלאָרן —
מיין קאָפּ, מיין גראָען טון אַ בויג
צו די פאַרקילטע קינדער־יאָרן...

צי איז אין יענעם ליבן קאַנט
פון אַלץ אַ צייכן כאָטש פאַרבליבן?
איך וואָלט גענומען מיט מיין האַנט
אַ ביסל ליים פון זיידנס שטיבל...

איך וואָלט גענומען יענעם ליים,
אויב ס׳איז אַ סימן כאָטש פאַראַן דאָרט,
און ווי אַ סימן פון מיין היים
וואָלט עס מיט מיר אַרומגעוואַנדערט...

איך וואָלט געוואָלט אַ ווערבע זיין
און בויגן זיך צו יענע שטראָמען,
וואָס וויגן זייער גרינע שיין
און חזרן מיין ווייטן נאָמען.

אָ, זיי געדענקען מיך געוויס,
די ווערבעס אין דעם וואַסער־שפּיגל,
כ׳פלעג אויך ווי זיי מיט הוילע פיס
אויף שטראָמען שיכורע זיך וויגן...

איך וואָלט געוואָלט אַ שׂרפה זיין
און קיינער זאָל מיין שוואונג ניט צאַמען,
אין יעדן הויז פון פיינט אַריין
וואָלט איך געוואָלט מיט מיינע פלאַמען.

כ'האָב ליב דעם טאַנצנדיקן רויך
אויף חורבות פון דעם שונאס זיגן,
ס'איז אונדזער פייער ריין און הויך,
און צינדט דעם אומרעכט און דעם ליגן.

ווען כ'זאָל אַ דונער ווערן היינט,
וואָלט איך אַהיים אַוועקגעלאָפן,
איך וואָלט געטראָפן מיינע פיינט,
כ'וואָלט ווי אַ דונער זיי געטראָפן!

צעשיידונג איז די גרעסטע פיין,
כ'וויל זיין אַ בוים, אַ פיש, אַ שלעפער,
אַ אינד וואָלט איך געוואָלט איצט זיין,
נאָר טרינקען וואסער פונעם דניעפער!

די באַלאַדע וועגן צוויי פאָנען

די שטאָט איז אַ קראַנקע געלעגן,
עס האָט זי געבראָטן, געברענט,
דאָס בלוט אויף פאַרוואַנדעטע וועגן,
די שטילקייט פון חרובע ווענט.

די שטילקייט ווערט פּלוצים צעריסן,
די טויטקייט פון גאַסן פאַרשווינדט
און מענטשן געשאָכטענע פליסן
צום גרויען קרעשטשאַטיק געשווינד.

געדאַכט האָט זיך: אַלץ איז צעפּאַטערט,
איז זעט נאָר, ווי דאָ אויבנאָן,
האָט הויך אויף אַ מויער געפלאַטערט
אַ רויטע, אַ פלאַמיקע פאָן!

עס ציען זיך גאַסן, ווי צווינטערס,
ווי פליטעס איצט רוען די טרעפּ,
און ס'ווייט אין סענטיאַבער מיט ווינטערס
פון קאַסקעס אויף דייטשישע קעפּ.

די סטעזשקעס צו ווי זיינען אָפן,
די סטעזשקעס צו יום־טוב פאַרמאַכט,
איז וואָס האָט זיך פּלוצים געטראָפן?
וו ס'וואָלט זיך דער טייוול צעלאַכט —

אַ שוידער, אַ היק, אַ געפּילדער,
אַ טראָג טוט מיט שנאה, מיט האַס:
אַ דייטש מיט אַ געמבע אַ ווילדער
פאַרדונערט די שוימיקע גאַס...

צום דאַך טוט אַ הייב זיך אַ לייטער
און שטעלט זיך אַוועק אויף דער וואַך,
אַט איז שוין אַליין דער יעפרייטער
אַרויף מיט אַ שפּרונג אויפן דאַך...

מיט אומרײַנע הענט זײַנע נעמט ער
די הייליקע פאָן און ער טוט
אַ שמיץ אין דער לופט דער פאַרקלעמטער
די פאָן — אונדזער לייב, אונדזער בלוט...

דער דײַטש קוקט אַראָפּ, ווי אַ זיגער,
און אויף דער געשענדטער ערד,
אַ טומל גייט דורך ניט קיין היגער,
עס טופּען שוין דײַטשישע פערד.

און אויטאָס מיט פּולווער געלאָדן
זיך טראָגן דורך ראָג און דורך ליק
פאַרביי די פאַרשלאָסענע לאָדן,
פאַרביי דעם צעריסענעם בריק,

פאַרביי די זאַוואָדן די טויטע,
פאַרביי די געביידעס אָן ווענט,
פאַרביי די אַלייען פאַרגרויטע,
פאַרביי דעם טעאַטער, וואָס ברענט...

פאַרביי די פאַרגוואַלדיקטע פרויען,
פאַרביי דעם פאַרבלוטיקטן ברעג,
פאַרביי דעם דערשטיקטן בזיון,
פאַרביי אַלע תּליות ביים וועג...

וואָס פליען זיי אַלע אַהערצו?
מיט פייער, מיט בליי, מיט געבריל:
עס בויגן זיך מענטשן צו דר'ערד צו,
עס שטומט דער קרעשטשאַטיק, ס'איז שטיל...

ס'איז רואיק דער מויער דער ברייטער,
ניטאָ איז קיין פּאָן אויפן דאַך,
און רואיק איז אויך דער יעפרייטער,
וואָס שטייט אויף דער דייטשישער וואַך...

אַ רואיקער קלאַפּט ער צום שטענגל
אַ שמאַטע פון געל־בלויען ציץ,
די געל־בלויע שמאַטע בלייבט הענגען
אין הויך, אויף דעם מויערשן שפּיץ...

דער עולם באַוואונדערט די שטילקייט, —
וואָס יאָגן אַהערצו די פערד?
די בלאָנדע סענטיאַבערשע קילקייט
האָט זיך אין די הערצער געמערט...

אַ רואיקער גייט דער יעפרייטער,
ער קוקט, ווי אַ זיגער אַראָפּ;
אָט איז ער שוין באַלד לעבן לייטער,
נאָר ס'טוט זיך אַ וואַקל זיין קאָפּ...

אַ שאָס... און אַ צווייטער... אַ דריטער
פאַרהילכן זיין בלוטיקן שפּאַס,
עס טוט דער יעפרייטער אַ ציטער
און פאַלט ווי אַ שטיין אויף דער גאַס...

און ס'טוט בלויז די געל־בלויע שמאַטע
אַ פלי און אַוועק פון דער וועלט!
אַ ווייטע סאַלאַמענקער כאַטע
באַהאַלט אויף איר בוידעם דעם העלד!...

צוויי טעג האָבן דייטשן געגישטערט
באַטאַפּט יעדע גאַס, יעדעס הויז,
צוריק זיך געטראָגן צעמישטע:
דער העלד איז אַנטרינען און אויס!

ווער ווייסט וואו ער איז איצט דער דרייסטער,
אין קעלער, צי אונטער אַ דאַך,
ווי זעט ער עס אויס און ווי הייסט ער
און איינער איז ער צי אַ סך?

אויב איינער איז ער, ווי זשע פינקלען
אין נאַכט זיינע טויזנטער הענט?
און אָפט אין פאַרשיידענע ווינקלען
די פלאַמיקע פאָן טוט אַ בלענד...

אין שטילע לוקיאַנאָווקער רוימען
טוט פלוצים אַ הייב זיך די פאָן,
אין טיפן פּאָדאָל אויף אַ קוימען,
צי אויף אַ פּעטשערסקער באַלקאָן...

די סטעזשקעס צו ווי זיינען ברייטע,
די סטעזשקעס צו יום־טוב — נאָך שמאָל,
נאָר שטאַרק איז דער גבר אין זיין ווייטיק,
דאָס בלוט מאַכט ניט ווייכער זיין שטאָל!

ווי גראָז שפּראָצט דער זיג פונעם רויערד,
עס בראָט אונדזער שונא און בריט!
ס׳האָט קיעוו ניט איינמאָל געטרויערט,
נאָר קיינמאָל האָט קיעוו ניט געקניט!

עס פלאַטערט די פאָן, ווי אין פלאַמען
און ס׳שטייט ווי אַ גבר אויף די בערג
פון שטעט פון ראַסייער די מאַמע,
די שטאָלץ פון אוקראַינישער ערד!

צו מיין טאָכטער

צעבייט ניט דיין יוגנט אויף קליינגעלט,
צעביטן, פאַרפאַלן, מיין קינד,
און זעסטו אַ שלענגל זיך שלענגלט,
צעטרעט דאָס, מיין טאָכטער, געשווינד!

דאָס קליינגעלט איז פּע, ווייל ס׳איז ביליק,
האַלט טייער דיין מיידלשן גאַנג,
געדענק אין דיין איינציקן פרילינג:
אַ שלענגל קאָן ווערן אַ שלאַנג!

האַלט הויך דאָס באַצעפּלטע קעפּל
אין קינדערשע ווינטלעך געפרישט,
זאָלסט וויסן, אַז רייכקייט איז נעפּל,
אַז חניפה איז גאָרניט מיט נישט...

כ׳בין ניט אַזוי אַלט ווי דערפאַרן,
כ׳בין ניט אַזוי קלוג, ווי געניט,
אַ גאַנצע אַרמיי מיט געפאַרן
שוין טשאַטעווען נאָך דיינע טריט...

דיין היים האָט דער שונא פאַרברענט שוין,
צעטאָפּטשעט דיין סאָד און דיין ערד,
דיין טאַטע אַליין וועט דיך בענטשן,
ווען ער וועט דיך זען אויפן פערד!

איז זיי ניט צעשטרייט, ניט צעברעקלט,
ס׳איז פעסטקייט דאָס בעסטע געווער,
און וויס: יעדער מענטש האָט זיין פּעקל
און ס׳מאַכט זיך אַמאָל, אַז ס׳איז שווער.

איז זיי ניט צעכעסט און פאַרביסן,
די פאַלשקייט צערייס מיט די ציין,
ווער ס׳לעבט מיט אַ ריינעם געוויסן,
ביי דעם וועט דער גורל זיין ריין!

ס׳וועט רייכער מיט רייפקייט דיין האַנט שוין,
עס לייגט זיך אַ קנייטש אויף דיין ברעם,
ניט בעטל ביים לעבן, ניט קליאַנטשע,
נאָר קום, ווי אַ גלייכע און נעם!

און ניט ווי אַ גנב — אַ קרעכצער,
וואָס גנבעט דעם האָניק פון טעג,
דו זוך אין די מענטשלעכע הערצער
און דאָרטן געפין דיין פאַרמעג!

זייגערמאַכערס

ביי לאַנגע טישן זיצן זיי און קוקן אין די לויטערע שפּאַקטיוון,
זיי זוכן אין די שטומע, געלע, קליינע רעדעלעך אַ סוד
און ס׳גייט די צייט דורך באַרג־שפּיצן, דורך פעלדער און דורך ריוון,
פאַרביי די נידעריקע פענצטערלעך פון דאָרף, פאַרביי די הויכע פענצטער פון
דער שטאָט...

זי גייט די צייט געמאָסטן און געזיכערט, און געלאַסן
איז איר באַוועגונג און איר שוויגן און איר זיגן און איר טראָט,
די זייגערמאַכערס קוקן זעלטן אויף די געסלעך, אויף די גאַסן,
זיי זוכן אין די שטומע, געלע, קליינע רעדעלעך אַ סוד...

זיי זיצן אומעטום, ווי ס׳וואָלטן קאַלטע קינסטלער זיי באַזעצט אויף שילדן,
עס גליווערט זייער בליק אויף דעם פאַרשטויבטן ציפערבלאַט,
ווער קען ניט אָט דעם בליק, דעם שטרענגן און דעם מילדן,
ווער קען ניט אָט דאָס אויג, וואָס קוקט יאָרהונדערטער אינעם שפּאַקטיוו און
איז נאָך אַלץ ניט זאַט.

די זייגערס שטייען אָפּ, זיי לויפן, ס׳טרעפט זיי גייען ריכטיק,
די ווייזערס דרייען זיך ווי שטענדיק שטיל און ס׳טרעפט זיי טראָגן זיך פאַרשייט,
די ווייזערס דרייען זיך און דאָס איז זייער וויכטיק,
עס דרייען זיך די שטומע, געלע, קליינע רעדעלעך פון צייט...

אין גרויסע שטעט, ביי לויטערע פּירקאַנטיקע וויטרינעס
און ערגעץ ווייט ביי שייבלעך נידעריק ביים סאַמע שליאַך
צעגיסן זיך די זעלביקע קרישטאָלענע באַגינענס,
די זון די זעלבע שטייט אַ יונגע אויף דער וואַך.

איין זון איז דאָ, איין ערד און שטערן, ווי די פּערל,
די זייגערמאַכערס קוקן אויף די זייגערס און מע ווייסט,
זיי זיינען קיילעכדיק, ווי אָט די זון, די ערד, די שטערן,
איז אפשר דאָס ביי זיי אין לאַנגע, זומערדיקע טעג, אַ טרייסט ?

און אפשר דאַרפן זיי קיין טרייסט ניט. מ'איז צופרידן
און דאָס איז אפשר טאַקע זייער טרויעריקע פרייד,
וואָס אָט די צייט קאָן ניט נאָר רוישן, ניט נאָר פליען, ניט נאָר זידן,
נאָר דורך די פינגער זייערע און דורך די דינע שטיקלעך מעש
זיך רוקן שטילערהייט.

ס'איז זיי אַליין באַשערט טאָג־טעגלעך נאָכשפּירן, ווי רגעס יאָגן,
די זייגערמאַכערס וויסן גוט דעם סוד פון לאַנגזאַם און געשווינד,
אָט האָט מען ערשט פון העכסטן שטאָק אַ בר־מינן אַראָפּגעטראָגן
און ערגעץ שרייט שוין אויף אַן אַנדער שטאָק אַ ניי־געבוירן קינד.

ווער זאָגט, אַז אַלע זייגערס זיינען גלייך? צו אַלדע רוחות
פון איינעם יאָגט מיט היץ, פון צווייטן — מיט אַ מוראדיקער קעלט.
ס'קלינגט איינער — צוועלף — דעם אונטערגאַנג פון וועלטן און מלוכות,
אַ צווייטער — קלינגט די זעלבע צוועלף — דעם אויפגאַנג פון אַ וועלט...

און זיי, די זייגערמאַכערס פרייען זיך, ווען זייגערס גייען ריכטיק,
זיי גיבן אָפּ די קליינע שטיקלעך מעש די לעבנס זייערע, די הערצער און דאָס בלוט,
די ווייזערס דרייען זיך און דאָס איז זייער וויכטיק,
עס דרייען זיך די רעדעלעך פון צייט, און דאָס איז זייער גוט!

אַ באַלאַדע וועגן אַ פּאָרפּאָלק

ווען מלכה געגקין האָט דערהערט,
אין זונטיק־טאָג דעם שיינעם,
דעם ערשטן אויפּרייס אויף איר ערד,
דעם ערשטן קרעכץ פון זקנים,
האָט זי פאַרלאָזט איר שלאַנקן מאַן
און איז אין שטאָב אַוועקגעגאַן...

און ווען איר מאַן, כ׳מיין געגקין בער,
דערהערט האָט יענעם דונער,
האָט ער גענומען זיין געווער
דאָס אַלטע, דאָס באַגונער,
ער האָט זיין וויסן פערד געשפּאַנט
און האָט פאַרלאָזט זיין גרינעם קאַנט...

אוןביידע זיינען זיי אַוועק
דורך ביימער און דורך זאַנגען,
די גרויע טעג ווי שטיקער שרעק
זיינען אין לופט געהאַנגען,
אין פלאַם, אין בליי, אין טופּ פון פערד
געהודעט האָט די גאַנצע ערד...

געגאַן זיינען די פייער־טעג,
די נעפּל־טעג די זיסע,
געטעמט האָט פון יעדן וועג
מיט אומקום און מיט גסיסה
און מלכה געגקין ווייסט שוין גוט
דעם טעם פון בליי, די פרייז פון בלוט...

זי טראָגט זיך אום איבערן פעלד
אין וויכער אין פאַרשייטן,
און טוט אַ פאַל אין שלאַכט אַ העלד —
באַמערקט זי אים פונווייטן
און ס׳שווימט און ס׳ברענט איר רויטער קרייץ
אין גרינעם גראָז, אין געלן ווייץ...

ווי פלינק עס שלענגלט זיך דער בינט
אין אירע צאַרטע פינגער,
די וואונד נאָך גליט, דאָס בלוט נאָך רינט,
נאָר ס׳וועדט דער ווייטיק גרינגער.
אין פייף פון צין, אין קלאַנג פון שטאָל
האָט מען באַוואונדערט ניט איין מאָל —

ווי קאָן זי גאָר אַ העלד, אַ גבר
מיט אירע הענטלעך טראָגן?
די ווילדע הירשן פון געפּאַר
פון אַלע וועגן יאָגן,
נאָר מלכה גענקין גייט איר גאַנג,
די לופט איז שווער, דער וועג איז לאַנג...

איר מאַן האָט מלכה ניט געזען
פון זונטיק־טאָג פון יענעם,
מ׳האָט איר געזאָגט אין שטעטל ען
האָט מען ניט לאַנג געזען אים,
נאָך איידער ס׳האָט אין ען געטאָגט,
האָט ער אין פעלד אַוועקגעיאָגט...

ער האָט אין שלאַכטן ניט גערוט,
ס׳האָט גוט געפּלעט זיין פייער,
פאַר יעדן טראָפּן אונדזער בלוט
באַצאָלן דייטשן טייער:
פאַר יעדן קלאַפּ אַ מאה קלעפּ,
פאַר יעדן קאָפּ אַ מאה קעפּ.

ער האַלט דעם חשבון גענקין בער,
דער רייטער, דער באַגונער.
די ווינטן בענטשן זיין געווער,
וואָס פינקלט ווי די זון נאָר,
עס קאָסטעט לינקס און קאָסטעט רעכטס
און ס׳פאַלן שונאים אָן אַ קרעכץ...

זיין פרוי האָט געבנקין ניט געזען
נאָך פון דעם ערשטן וויכער,
מ׳האָט אים געזאָגט: אין שטעטל ען
האָט מען געזען זי זיכער,
באַקומען האָט ער אָן אַ שיער
די בעסטע גרוסן וועגן איר...

וואָס קומט דאָ פאָר? צי דען, צי דען
האָט זיך די ערד געענדערט
און ס׳אַזוי גרויס דאָס שטעטל ען
מע זאָל ניט קענען זען דאָרט
דאָס ווייב, דאָס אייגענע, דעם מאַן —
די שוועסטער און דעם קאַפּיטאַן?...

די ערד איז גאָרניט אַזוי גרויס,
דאָס שטעטל ען — אַוודאי,
נאָר ווען זי הערט דעם רייטער־רויש,
איז זי פאַרנומען גראָדע
און האָט אַפילו ניט קיין צייט
פון וויט אַ קוק טאָן ווער עס רייט...

און ווען דער רייטער געבנקין בער
דערזעט פון וויט אַ שוועסטער,
טוט ער אַ קלער — ס׳איז זי — און ער
ציט אָן די לייצעס פעסטער...
דאָס איז אַ חלום און ניט מער
און דאָס פאַרשטייט ער, געבנקין בער...

און ניט קיין חלום איז די שלאַכט,
דער פיבער פון צעשיידונג,
די רוישנדיקע זומער־נאַכט
אין דער לבנה־קליידונג.
דאָס שטעטל ען, וואָס וויינט און לאַכט,
האָט די מלחמה אויסגעטראַכט...

די באַלאַדע וועגן סאָלדאַט מיט דער קוליע

איך ווייס נאָך ניט וואו און איך ווייס נאָך ניט ווען,
נאָר אַזוי וועט דאָס זיין און אַזוי וועט געשען:
די רויבער, וואָס זיינען געפלויגן נאָך רויב,
וועלן ליגן אין בלוט און אין שאַנד און אין שטויב,
און דייטשלאַנד וועט פול זיין מיט קלאָג און געוויין,
דער לעצטער געשריי פון דעם קריג וועט פאַרגיין.
פון אַלץ, וואָס אַמאָל האָט דער פיורער געהאַט,
וועט בלייבן אין דייטשלאַנד אַ קרומער סאָלדאַט.

דורך בערג מיט פגרים, דורך חורבות, דורך טויט
וועט גיין דער סאָלדאַט צו זיין היימישן פלויט,
צו זיין היימישער שוועל, צו זיין היימישער שטאָל
און טאָן אויף זיין ערד וועט דער קרומער אַ פאַל:
קיין שטוב ניט, קיין דאַך ניט, די פרוי רוט אין דר׳ערד,
די שוועל איז צעבויגן און ברייט ווי אַ שווערד,
קיין גאַסן, קיין שכנים, נאָר איינזאַמע הינט
באַפאַלן די ביינער אין גאַס און מע שינדט...

וועט נעמען זיין קוליע דער קרומער סאָלדאַט,
מיט זאַלץ פון די טרערן זיך אָנעסן זאַט,
אַ זאַק אויף די פּלייצעס, אַ קוליע אין האַנט,
דער לעצטער סאָלדאַט אויף די חורבות פון לאַנד, —
ער הינקט איבער אַש פון געוועזענע שטעט,
ער הינקט איבער קאַלוזשעס בלוט און ער זעט:
עס בלאָנקען אלמנות אַרום מיט געוויין,
יתומהלעך קלאָגן אויף ברעגן פון רייך,
און ווער ס׳איז געלאָפן נאָך רויבערשן גליק —
דער האָט שוין אַהיים ניט געקערט זיך צוריק...

טוט דער קרומער סאָלדאַט מיט דער קוליע אַ פּאַך,
טוט אַ קוק אויף זיין ווי, אויף זיין וואונד, אויף זיין בראָך
און אַ זעץ מיט דער קוליע די דייטשישע ערד,
טוט אַ שפּאַלט זיך די ערד און דער קרומער דערהערט,
אַ געדודער פון ביינער און אַ קריצן פון ציין,
ניט קיין זעלנער, — תכריכים אַנטקעגן אים גיין
און מע ווײנט ניט, מע שטומט און מע פרעגט מיט די הענט:
צי ער האָט זיי געקענט, צי ער האָט זיי דערקענט?
מיט העלדזער, וואָס זיינען פון לאַנג שוין דערשטיקט,
זיי כריפּען: ווער האָט אונדז אין פייער געשיקט?
דער קרומער סאָלדאַט שטייט אַליין און ער טראַכט,
אים דאַכט זיך, אַז אַלץ האָט זיך בלויז אים געדאַכט...

נאָר פּלוצים באַווייזט זיך אַ הויקער און שפּאַנט
פּאַוואָליע, פאַרביי אַ פאַרבליבענער וואַנט.
דער קרומער סאָלדאַט הינקט אים נאָך און דערקענט —
ס'איז ער, וואָס האָט אים און זיין הײמלאַנד געשענדט...

ער לויפט פון געריכט. דאָס איז ער! דאָס איז דער!
נאָר וואָס טויג אַ סאָלדאַט אָן געווער! אָן געווער?
ס'טוט דער קרומער סאָלדאַט מיט די קוליעס אַ פּאַך
און דער פיורער דערפילט: ס'לויפט אים עמעצער נאָך,
נאָר ס'איז שפּעט און ער פאַלט און צעצאָלט זיך — אַ שאַנד —
מיטן טויט פון אַ הונט פאַרן טויט פון אַ לאַנד.

בייטשלאַנד

געלעבט האָט אין דייטשלאַנד אַ קלוגער פּאָעט,
איצט וואַרפֿט מען זיין דענקמאָל אַרויס פֿון די שטעט,
ער האָט נאָך אַמאָל אין די לידער געלאַכט,
פֿון די דייטשן, וואָס פּייפֿן בייטאָג און ביינאַכט
אין די טונקלע קוואַרטאַלן פֿון בייטשלאַנד.

אַ צווייטער פּאָעט האָט אין דייטשלאַנד געוואוינט,
ער האָט וועגן פֿרייהייט אין לידער געטרוימט.
ער האָט ניט געשטורעמט, ער האָט ניט געלאַכט,
ער האָט זיך געהאַנגען אין תּפֿיסה ביינאַכט,
אין תּפֿיסה פֿון פֿינצטערן בייטשלאַנד...

איצט בלאָנקען צוויי שאָטנס אין דייטשלאַנד אַרום,
און ס׳קרייצן זיך וועגן צעשראָקן און שטום,
זיי בלאָנקען אַרום איבער חרובֿע שטעט,
זיי בלאָנקען און הערן און הערן וואָס רעדט
דאָס פֿאָלק פֿון צעטראָטענעם בייטשלאַנד...

וואָס שווימען פֿאַר וואָלקנס אין דייטשלאַנד אַרום?
וואָס הילכן געוויינען אין לאַנד אומעטום?
דאָס פֿירט מען די קעמפֿער צו פֿינצטערע ווענט,
דאָס קלינגען די קייטן אויף זייערע הענט
און ס׳טראָגט זיך דער הילך איבער בייטשלאַנד.

עס בלאָנקען די שאָטנס פֿון קאַנט און צו קאַנט,
דער קלאַנג פֿון די קייטן איז ביידע באַקאַנט,
נאָר ווען איז דער הימל געוועזן אַזוי קאַלט
און ווען האָבן בייטשן ווי איצטער געקנאַלט
אויף בלוטיקע שטיינער פֿון בייטשלאַנד?

עס שוועבן צוויי שאָטנס דורך שרעק און געוויין —
וואָס זוכן עס קינדער אויף ברעגן פון ריין ?
מיט אומגליק איז פול יעדער קינדערשער בליק,
זיי זוכן די טאַטעס, וואָס הענגען אויף שטריק,
אויף תליות און תליות פון בייטשלאַנד...

משוגענע טרויבן פאַרשרייען די שאַנד,
דאָס כתב פון די בייטשן אויף פּלייצעס פון לאַנד,
צוויי שאָטנס זיך טראָגן דורך פּלעצער אַליין
און ס׳וויינען די כוואַליעס פון אַלטיטשקן קיין,
און ס׳קלאָגן די פּלעצער פון בייטשלאַנד...

און ס׳רייסט זיך דורך גראַטעס אַ היינישער בליק,
און ס׳טראָגט זיך דורך גראַטעס בעטהאָווענס מוזיק
און טעלמאַן הייבט אויף דורך די גראַטעס זיין האַנט
און ליבקנעכט שטייט אויף פון זיין קבר און שפּאַנט
אין שלאַכט קעגן בלוטיקן בייטשלאַנד !

אַ באַלאַדע וועגן נאַרישע פייגעלעך

וואָס טוען זיי די פייגעלעך, די נאַרישע?
זיי זינגען!
זיי שטייען אויף די דעמבעס, אויף די גברישע,
זיי זינגען!
זיי פּיקן מיט די שנאָבעלעך די צווייגעלעך
און זינגען!
און שטייען זיי געפאַנגענע אין שטייגעלעך, —
זיי זינגען!
וואָס טוען זיי די פייגעלעך, די נאַרישע?
זיי זינגען!
זיי הויבן זיך אין ווילדערנישן כמאַרישע
און זינגען,
זיי טראָגן זיך די שטרויעלעך פאַר נעסטעלעך
און זינגען!
אָט קומען שוין די בריענדיקע פרעסטעלעך, —
זיי זינגען,
און ווידער קומען בליענדיקע זומער־טעג, —
זיי זינגען!
די רעגנס פון סענטיאַבער זיינען אומעטיק,
זיי זינגען!
אַ מיידל לאַכט אַ פריילעכע ביי טויערן, —
זיי זינגען!
און ערגעץ רייסן באָמבעס זיך אויף מויערן, —
זיי זינגען!
זיי מעגן ווערן אַלטע שוין און דאַרע שוין, —
זיי זינגען!
וואָס ווייסן זיי, די פייגעלעך די נאַרישע?
זיי זינגען!

עס וויינען שטעט באַלאַגערטע מיט פייערן,
זיי זינגען!
אַ מאַמע פאַלט אויף זון אירן דעם טייערן, —
זיי זינגען!
וואָס ווייסן זיי, די פייגעלעך, די נאַרישע?
זיי זינגען!
די גאַנצע וועלט אין גרויזאַמער געפאַר איז שוין, —
זיי זינגען!
זיי קוקן אויף די גאַסן די מאַדרידישע
און זינגען!
זיי קוקן אין די אויגן אין די יידישע
און זינגען!
זיי קוקן אויפן האַקנקרייץ, וואָס קוילעט זיי
און זינגען!
אַבי עס שיינט אַ פראַסטיקער דער מולד זיי,
זיי זינגען!
די גרויסע חורבות מערן זיך, און מערן זיך, —
זיי זינגען!
עס באָדן גאַנצע לענדער שוין אין טרערן זיך, —
זיי זינגען!
עס זעצט פון ערד פאַרבלוטיקטער אַ פאַרע שוין, —
זיי זינגען!
וואָס ווייסן זיי די פייגעלעך, די נאַרישע?
זיי זינגען!
זיי פינטלען מיט די טאַנצנדיקע אייגעלעך
און זינגען,
איז היט זיך פאַר די שלומדיקע פייגעלעך, —
זיי זינגען!

צו אים

הײ, װער הוידעט זיך אין שיפל
מיט די װעסלעס אין די הענט?
װיפל זיצסטו דאָרטן, װיפל?
כ׳האָב פון װײטן דיך דערקענט!

כ׳האָב געזען דיך שוין ניט אײנמאָל —
בלויז אין פיבער, בלויז אין שרעק,
נאָר דערװײל ביסטו נאָך קײנמאָל
פון מײן אורטײל ניט אַװעק!

הער זשע, שוטה, מײן באַפּעל נאָר:
פונעם שיפל קריך אַרויס,
לאָז אַראָפּ די זיבן קעלנער,
הײב די אויגן אויף און אויס!

אינעם שיפל איז באַקװעמער?
שפּיל פון חלום? זײד פון שלאָף?
דיר געפעלט דער רום פון לעמער
און דער גורל פון די שאָף?

זע, װי נאָענט די קוילן בליצן,
הער װי ס׳דונערט, קאַלטער נאַר!
װי קענסטו אין שיפל זיצן,
װען די שיף איז אין געפאַר?

אונדזער שיף, וואָס האָט אין שלאַכט אונדז
זיגן וואַרעמע געגרייט,
אונדזער שיף, וואָס האָט געבראַכט אונדז
צו דעם האַפן פון דער פרייד!

ניט קיין מעוועס — ווילדע קראָען
פליען, פליען פון ניט הי,
און געפּאַרן גרויסע דראָען
אונדזער גרויסער שיף, איז ווי

קאָנסטו אין דיין שיפל איינזאַם
הוידען זיך אין יענער רו,
וואָס איז פרעך ווי דיין אַליין זיין
און איז נעבעכדיק ווי דו.

הער ווי אונדזער אומרו רוישט היינט,
ס'קומט דער זיג נאָר אין געשלעג,
און די קישנס פון דיין וואוילשטאַנד
ווערן שטיינער דיר אין וועג.

אויב דו האָסט דיין חוב פאַרגעסן,
זאָל פאַרגעסן זיין דיין זיין!
זאָלן פיש דיין קערפּער עסן,
זאָל די שאַנד דיין דענקמאָל זיין!

דער זקן מיטן טשעמאָדאַן

עס קראַכט, עס דוכט זיך, אַז די הויך וועט אויסשיטן
די דונערס אירע מיטאַמאָל.
ווער רוקט זיך שאָטנדיק דורך וואַלד, דורך רוישיקן,
ווער שלעפּט זיך עס דורך באַרג און טאָל?
ווער גייט מיט אַלטע צרות אַ באַוואַקסענער,
מיט שטומען פּחד אין זיין שפּאַן,
עס גייט אַן איינזאַמער, עס גייט אַ וואַקסענער —
אַ זקן מיט אַ טשעמאָדאַן.

ער גייט וואוהין די וועגן פירן אים,
וואוהין עס טרייבט אים די געפאַר,
ער זעט אַ בריק, אַ ווייטן אַ פּאַפּירענעם
איבער זיין ים פון טיפן צער...
צי וועט ער דורכקומען, צי וועט ער אומקומען,
דאָס ווייסט ער ניט, דער אַלטער מאַן,
ער שווימט אין טרויער אַ דערטרונקענער —
דער זקן מיטן טשעמאָדאַן...

ער האָט אַ סאָד געהאַט מיט שאָטנס בוימיקע,
ער האָט געהאַט אַ גוטע נעסט,
און אונטער ביימער, — בעכערס שוימיקע
האָבן געזונגען זיינע געסט.
ער האָט אַ שטוב געהאַט, ער האָט אַ דאַך געהאַט,
עס איז אים זייער גוט געגאַן,
און מ׳האָט געזאָגט אויף אים: ער האָט אַ סך געהאַט, —
דער זקן מיטן טשעמאָדאַן.

ער האָט אַ ווייב געהאַט, וואו איז זי — ווייסט ער ניט,
זיין שיינע שטוב האָט אָפּגעברענט,
עס קומט קיין מלאך ניט, עס קומט קיין טרייסטער ניט,
די יינגסטע שנור האָט מען געשענדט,
ער האָט צוויי זין געהאַט, ער האָט קיין איינעם ניט,
געהאַט אַ טעכטערל — אַ שוואַן,
איצט האָט ער גאָרנישט ניט, איצט האָט ער קיינעם ניט,
דער זקן מיטן טשעמאָדאַן.

איז אָט דער זקן אפשר יענער וואַנדערער,
וואָס וואַנדערט שוין אַ וועלט מיט צייט
דורך דורות וויסטעניש ? צי ס׳איז אַן אַנדערער,
וואָס קומט אַהער פון גאָרניט וויט ?
און נעכטן האָט ער אין זיין פּעלץ דעם טכוירענעם,
די וועלט באַרוישט, דער יונגער טאַן
און ס׳האָט די בייזע נאַכט אויפסניי געבוירן אים —
אַ זקן מיט אַ טשעמאָדאַן ?

און ס׳האָט די בייזע צייט, די גרויסע רשעטע
די שוואַרצע ברעמען אָפּגעגרויט,
די קוילן־האָר פון יונגן קאָפּ פאַרפּראָשעט אים
מיט פריקרע שנייען פונעם טויט,
די שלאַנקע פּלייצעס זיינע אויסגעבויגן אים
אין יענער נאַכט און טאָקע דאַן,
אי אַלט אי ווייסט געמאַכט די יונגע אויגן אים —
דעם זקן מיטן טשעמאָדאַן ?

און אפשר איז דאָס גאָר קיין גרויער זקן ניט
און אפשר איז אומישנע גאָר
ביי אים אַ מאָדנער בליק, אַזאַ דערשראָקענער
אַזאַ מין גרויקייט אין די האָר,
אַזאַ פאַרבלענדעניש, אַ פּעלץ אַ שאָפּענער,
אַ הרודע ערד, אַ שטיק טומאַן,
ס׳איז פון אַ דייטשער תליה אַן אַנטלאָפענער
דער זקן מיטן טשעמאָדאַן ?

און אפשר איז דאָס גאָר ניט קיין קדמונישער,
קיין קאַלטער הויקערדיקער גרייז —
ער גייט דורך פינצטערניש, דורך פרעמדקייט שונאשער
צעברעכן וואָלקנס, שפּאַלטן אייז —
און אפשר איז דאָס גאָר אַ יונג אַ מעכטיקער,
וואָס גייט איצט אויפרייסן אַ באַן,
און ס׳שפּאַנט גאָר נאָך נקמה נאָך גערעכטיקער
דער זקן מיטן טשעמאָדאַן...

ווער איז דער אַלטיטשקער מיט ברעמען שנייאיקע?
ווער איז אָט דער פאַרשטעלטער גבר,
וואָס שפּאַנט מיט מידע טריט אַזאַכנווייאיקע
און ציַנדט מיט צאָרן די געפאַר?
אזויפיל בלוט פאַרזייט, אַזאַ גערעטעניש!
איר אויפגאַנג זעט דער פאַרטיזאַן,
ס׳איז ניט קיין נאַכט־געשפענסט, ס׳איז ניט קיין רעטעניש
דער זקן מיטן טשעמאָדאַן.

דורך אַלע אויפרייסן, דורך פעלזן פיינטיקייט
גייט דורך זיין שאָטן און זיין רום.
עס ווייסט די אייביקייט, עס ווייסט די היינטיקייט,
זיין נאָמען הילכט היינט אומעטום,
און ס׳ווייסן פיינט מיט הערצער תליהשע:
ניטאָ קיין רו אויף דר׳ערד כל זמן
עס שפּאַנט מיט קלוגע אויגן מיט נביאישע
דער זקן מיטן טשעמאָדאַן.

געוויסן

דער העכסטער געריכט פון מיין זיין,
מיין געוויסן,
ער איז אין מיין האַרצן אַריין,
אויף שטענדיק אויף אייביק דאָרט זיין,
אויף זיין דאָרט דער שלאָס און דער שליסל,
דער העכסטער געריכט פון מיין זיין,
מיין געוויסן!

אים וועט ניט פאַרנעפּלען דער וויין,
קיין פאַלשקייט וועט אים ניט פאַרגיסן,
ער וועט פון קיין אומרעכט ניט וויסן,
דער העכסטער געריכט פון מיין זיין,
מיין געוויסן!

ער צייכנט די וועגן פאַר מיר,
מיין געוויסן,
ער שטעמפּלט מיט ליכט יעדן ריר,
ער הייסט מיר די טיר ניט פאַרשליסן,
ווען ס׳רוקט זיך אַ שונא צו מיר,
ער הייסט רויטאַרמייאיש מיר זיין,
ער הייסט מיר דעם שונא צעשיסן
און וואַשט אַלע פלעקן מיט שיין,
דער העכסטער געריכט פון מיין זיין,
מיין געוויסן.

אַ באַלאַדע וועגן הונדערט דייטשישע מתים

הונדערט דייטשן שלעפּן זיך אין דער נאַכט דער גרויער,
הונדערט דייטשן קלאַפּן אָן אין אַ הויכן טויער...

— „היי, ווער קלאַפּט דאָרט אַזוי שפּעט, זעט, ס׳זאָל אײַך ניט שאַטן!״
— עפן גיכער, ס׳בעטן דיך דייטשישע סאָלדאַטן!״

— „איז פונוואַנען קומט איר דאָס?״ — פרעגט אַ קול באַשיידן —
— און צי ווייסט איר, אַז מײַן קול גייט פון דעם גן־עדן?״

— „אויב אַזוי, איז זייער גוט, האָבן מיר געטראָפן,
נאָר פאַרוואָס איז דער אַנשטאַלט אַזוי פרי ניט אָפן?״

די סאָלדאַטן שרייען דול: — האָדי שפּאַסן פירן!
און עס שרייט דער גענעראַל צו די אָפיצירן:

— טאָמער זאָגט ער נאָך אַ וואָרט, נעם איך און דערשטיק אים! —
ס׳איז שוין קלאָר, אַז מ׳האָט צו טאָן ניט מיט קיין צדיקים!

פון גן־עדן, פון דעם סאָד הערט זיך אַ געלעכטער,
נאָר בנעימותדיק און פרום פרעגט זיך נאָך דער וועכטער:

— ווער האָט אײַך אַהער געשיקט, איז עס ניט קיין טעות?
אפשר איז פאַר אײַך אָט דאָ גאָר קיין אָרט ניטאָ איז?

— עפן גיכער! ס׳הייסן דיר דייטשישע פּילאָטן;
ס׳האָט ערשט הײַנט דער מאָסקווער שנײַ אַלע אונדז פאַרשאָטן.

ס׳איז ניט שיין אַזאַ מין אָרט פאַר אַריער שליסן!״
ס׳איז דער וועכטער שוין אַליין נײַגעריק צו וויסן

ווער זיינען די יונגע לייט? נאָר וואָס דאַרף ער טרעפן,
און אַ פענצטערל אַ קליינס טוט ער שטיל אָן עפן...

ס'טוט אַ פאַל דער גענעראַל אויף אַ ווייסער הרודע
און ער מורמלט פון דערשרעק: — שיסט אים, ס'איז אַ יודע!

ווער קען שיסן אָן געווער? נאַרישע קונדייסים,
זיי פאַרגעסן גאָר די לייט, אַז זיי זיינען מתים.

ס'האָט דער וועכטער זיי דערקענט, ס'האָבן זיי זיין זיידן
נאָך אין אכצנטן געשיקט רוען אין גן־עדן.

נאָר גערעדט האָט ער מיט זיי פונקט ווי לכתחילה,
ווי מיט אומשולדיקע שאָף, ווי מיט אורחים שטילע.

— ווילט איר, הייסט עס, אָט אַהער, ס'איז דאָ גוט און ליכטיק,
האָט איר מצוות אָדער ניט — דאָס איז זייער וויכטיק!

— מצוות?—וויינט דער גענעראַל—כ'בעט דאָס וואָרט פאַרטייטשן,
פון אַזאַ מין מאָדנעם מין ווייסן ניט די דייטשן.

און דער וועכטער שמייכלט צו, קוקט אין דעם רייעסטער
און מיט אויגן קלוג און בייז זיינע קונדן מעסט ער:

— אין גן־עדן רוען לייט ערלעכע און ריינע,
אין גן־עדן וואוינט אַ דייטש מיטן נאָמען היינע!

הונדערט דייטשן מיטאַמאָל ווילן זיך אַ לאָז טון
אויפן מלאך, וועלכער שטייט אויף זיין הויכן פאָסטן:

— היינריך היינע? דער פאָעט? ווער פון אייך וויל זען אים?
אויב ער איז אין פאַראַדיז, קומט שוין גלייך אין גיהנום.

— ערשטנס איז ער ניט קיין דייטש, נאָר אַ ייד אַ פּרעכער.
צווייטנס איז ער, ווי באַוואוסט, פשוט אַ פאַרברעכער...

— אַז דער אמת איז ביי אייך, ווייס איך נאָך פון פריער —
זאָגט דער מלאך — כאָטש איך בין ווייט ניט קיין אריער!

און דער מלאך טוט אַ כאַפּ ווידער דעם רייעסטער,
טוט אַ בלעטער, טוט אַ זוך און ער זאָגט שוין פעסטער:

— אין גן־עדן וואוינט אַ דייטש מיטן נאָמען שילער!
הונדערט דייטשן מיטאַמאָל ווערן עטוואָס שטילער.

נאָר דער אַלטער גענעראַל טוט אַ ברום: „איך קען אים,
אויב ער וואוינט אין פּאַראַדיז, קומט מיט מיר אין גיהנום!

ס'איז אַן אָפּלאַכער, אַ לץ, דייטשלאַנדס אומקום וויל ער, —
ס'איז כמעט אַ פּאַרטיזאַן, אויך אַ דייטש מיר, שילער!"

ס'שניידט די שטים פון גענעראַל ווי אַ טעמפּער מעסער:
— „אָט די דייטשן זייַנען בלויז דייטשן לויט די פּעסער!"

ביסמאַרק איז געווען אַ דייטש לויטן פּיורערס מוסטער,
ס'איז געווען אַ גענעראַל זייער אַ באַוואוסטער.

נאָסקע איז געווען אַ דייטש, לודענדאָרף — אַוודאי.
פאָלגט אונדז שוין און זייט זיך שוין מודה ומתוודה,

אַז איר אַרבעט זייער לאַנג אין אַנשטאַלט אין דיזן,
אַז איר האָט די לעצטע צייט פּשוט ניכט באַוויזן

דורכצושטודירן היטלערס ווערק (איר וואָלט זיי פאַרשטאַנען!),
און דערום זייט איר, מיין הער, פּשוט אָפּגעשטאַנען!

און דערפאַר רעדט איר, מיין הער, מאָדנע און ניט טרעפלעך,
און דערפאַר זייט איר זאָגאַר מינימאַל ניט העפלעך.

ס'שטייט פאַר אייך אַ גענעראַל, ס'שטייען אָפיצירן,
און איר צווינגט זיי אַזוי לאַנג ביי דעם טויער פרירן.

נאָך אַזוינע שווערע טעג, נאָך אַזאַ מהלך!
ס׳איז ניט שיין און ס׳איז ניט פיין פאַר אַ ייד, אַ מלאך!

איבער הורבעס שניי און ווי שפּאַגען הונדערט פליער,
הונדערט רוצחים, הונדערט וועלף, כשרע אַריער.

הונדערט מתים טופּען טעמפּ אין דער נאַכט דער גרויער,
הונדערט מתים קלאַפּן שוין אין אַ צווייטן טויער.

דורכן טויער — אַ געשריי, אַ געוויין — מע סמאַליעט,
און עס לויפט אַרויס אַ שד ברוגז און פאַרפּאַליעט.

בלויז אַ רגע שטייט ער שטיל, קוקט אויף דעם, אויף יענעם,
ער האָט נאָך אַזוינע שלעק ניט געזען אין גיהנום.

— „נו, פּונוואַנען? ווער און וואָס? ווען געפּייגערט? דאַבער!"
— „מ׳האָט גערופן יענעם טאָג צוואַנציקסטער דעקאַבער!"

זיינע ביכער מישט דער שד און ער קוקט פאַרוואונדערט:
— יענעם טאָג זייט איר אַרויס טאַקע פּינקטלעך הונדערט.

נאָר לויט אייער בלאַפּביוראָ קומט אייך עולם־הזה,
איר האָט אַלע זיך געקערט אויף דער פליער־באַזע!

ס׳לאַכט דער שד און ס׳רינט דער שוויס, און ס׳איז זייער הייס אים:
— „גייט זיך אייך געזונטערהייד, פילגעשעצטע מתים!"

עס אַנטלויפט דער שד און קוועלט, וואָס ס׳איז אים געראָטן
ראַטעווען דעם גיהנום פון דייטשישע פּילאָטן.

און פאַרשאָלטן און פאַרהאַסט בלאָנקען הונדערט רויבער
און עס טאַנצט דער פרייער ווינט אויף דער ערד דער טויבער.

אין אַ ווינטער־נאַכט

זוען מ׳איז געקומען פון דייטשישן שטאַב,
האָט זיך דערשראָקן דער אַלטער אָסטאַפּ,
ער האָט זיך ווייט פון דעם טייוול געהאַלטן,
נאָר ס׳האָט דער טייוול געפונען דעם אַלטן.

— קום! — האָט דער טייוול צום זקן געזאָגט,
ס׳האָט פונעם טייוול מיט עקל געיאָגט.
— קום! — האָט ער ווידער דעם זקן געהייסן.
שטיל איז ביינאַכט אויפן איוון דעם הייסן.

נאַקעט און באָרוועס איז נעבעך אָסטאַפּ,
ווי קאָן ער לאָזן זיך איצטער אין שטאַב?
ס׳בריען די פרעסט און עס טשאַדעט דער וויכער,
ס׳וואַרט אויף די שליאַכן דער טויט אויף אים זיכער.

נו, האָט דער שטאַב נאָכן זקן געשיקט,
ס׳האָט זיך די נאַכט, ווי אַ שיכור געוויגט,
ס׳האָבן זיך הימלען צום אָפּגרונט געבויגן,
שוואַרצע ווי זיינע פאַרסאַרפּעטע סטויגן.

— קום! — האָט דער טייוול געזאָגט שוין צולעצט,
ס׳האָט פון זיין צורה מיט בראָנפן געזעצט
און פון זיין ביקס האָט מיט אומקום געטראָגן.
— גוט! — זאָגט דער זקן. וואָס נאָך קאָן ער זאָגן?

שטאַרק האָט דער פראָסט אים די ביינער געקילט,
נאָר ס׳האָט דער זקן דעם פראָסט ניט געפילט,
ס׳האָט אים אַ שרפה געזעצט אין די שלייפן,
זקנישע אויגן — אין פלאַמיקע רייפן.

ווען מ׳איז געקומען אין דייטשישן שטאַב
האָט אים דער טייוול געמאָלדן: אָסטאַפּ,
אַלץ איז באַוואוסט און איך ווייס, אַז דיין זינדל
וואוינט אין די וועלדער און נערט זיך מיט שווינדל...

דו ביסט אַ פאָטער, ס׳אַרט דיך, איך ווייס,
כ׳זע, ווי דיין שטערן באַגיסט זיך מיט שווייס,
— זאָג, אפשר איז דאָס אַ בלבול, אַ ליגן?
ס׳האָט אים דער זקן געהערט און געשוויגן.

— שווייגסט? — האָט דער טייוול געטופּעט מיט האָס...
— שווייגסט? כ׳וועל דיך הענגען אינמיטן דער גאַס!
— שווייגסט? — האָט דער דייטשישער טייוול געכריפּעט.
און ביי אָסטאַפּן געציטערט אַ ליפּ האָט.

— שריי ניט אַזוי, זאָג מיר קלאָר און דערקלער,
וואָס האָט דיין שיק־יונג געבראַכט מיך אַהער,
אפשר וועסטו גאָר מיט גוטן דערגרייכן?
— גוט! — האָט שוין רואיק דער טייוול געשמייכלט.

— הער מיך, און שרעק זיך ניט פאַר מיינע רייד,
כ׳זע, אַז ביסט דינען דעם פיורער שוין גרייט,
דייטשלאַנד וועט קיינמאָל דיין דינסט ניט פאַרגעסן,
איך וועל דיר שענקען אין מאָסקווע אַ געסל!...

דאַרפסט בלויז אַ קלייניקייט טון פאַרן שטאַב.
— גוט! — האָט געמורמלט דער אַלטער אָסטאַפּ.
— גוט? — האָט דער טייוול געפרעגט אינדערפינצטער,
וועסטו באַווייזן אונדז וואו ער געפינט זיך?

— ווער? — האָט דער זקן געפרעגט, ווי אין טשאַד.
— ער! — זאָגט דער טייוול, — קאָליאַניקס אָטריאַד,
נאָר איך פאַרשטיי דיך, דעם אַלטיטשקן טאַטן...
איינס קאָן איך זאָגן: דיין זון וועט ניט שאַטן...

קורץ און פאַרזאָרגט איז די פּראַקטיקע נאַכט.
לאַנג האָט דער אַלטער אָסטאַפּ ניט געטראַכט,
גיך האָט ער אַלץ אין דעם קאָפּ אָפּגעוואויגן...
— נו? — האָט דער טייוול געפרעגט מיט די אויגן...

— יאָ! — האָט דער זקן געזאָגט שטילערהייט.
— יאָ? — האָט דער טייוול זיך ברוגז געפרייט.
— יהאָ־האָ־האָ־האָ — שרייט דער ווינט אויף די וועגן.
— יהאָ־האָ־האָ־האָ — הילכט פון וואַלד דאָרט אנטקעגן.

ווינט אויף די וועגן די וויוגע און ווייט,
שווינדלען די קאַסקעס מיט שאַלן פאַרדרייט,
זעכציק סאָלדאַטן צעטרעטן דעם ווינטער,
ס׳שפּרייט זיך די וועלט — אַ פאַרשאָטענער צווינטער...

זעכציק סאָלדאַטן און איין אָפיצער
שפּאַנען און טראָגן אין הענט די געווער.
— נו? — פרעגט דער טייוול דעם זקן דערשראָקן.
— באַלד! — רופט זיך אָן דער פאַרפרוירענער זקן.

ס׳איז שוין אַ שעה און אַ צווייטע אַוועק,
פול איז דער וואַלד מיט רציחה און שרעק.
— נו? — פרעגט דער טייוול דעם גרייז און דעם וויכער.
— באַלד! — זאָגט דער זקן שוין רואיק און זיכער.

טופּען די דייטשן, קאָדויטשען דעם וואַלד,
נישטערן, נישטערן: וואו איז דער באַלד?
וואו איז קאַליאַניקס אַטריאַד דער פאַרפלוכטער,
און אָט דער זקן — ער דרעמלט, צי זוכט ער?

— הער נאַר, דו אַלטע, פאַרשאָלטענע שלאַנג,
עפּעס דער וועג דיינער ציט זיך צו לאַנג,
כ׳האָב פאַר דיר גרייט אי שטריק אי אַ מעסער,
כאַפּ זיך ביים שכל — און גיכער איז בעסער...

און אַט דער זקן — ער בלאָנדזשעט שוין גוט,
און אַט דער זקן — ער ווייסט וואָס ער טוט!
ער האָט די דייטשן געדרייט ווי ביי לייטן,
ביז ס׳האָט קאָליאַניק דערשמעקט זיי פונוווייטן...

ווען ס׳האָט קאָליאַניק די דייטשן דערשמעקט,
האָט ער מיט פייער זיי אַלע געדעקט,
מ׳האָט ניט באַוויזן די פלודערן בייטן,
מ׳האָט זיך געטראָגן אין אַלע פיר זייטן...

וואו איז קאָליאַניק און וואו איז דער באַלד?
פול מיט נקמה און האַס איז דער וואַלד,
טוסטעו אַ לויף נאָר און טוסטעו אַ שפּאַן נאָר,
שניידן דיר איבער דעם וועג פּאַרטיזאַנער.

זעכציק סאָלדאַטן געזען האָט דער וואַלד,
זעכציק פגירות זיך וואַלגערן קאַלט,
איינער בלויז האָט זיך אין צווייגן באַהאַלטן,
זוכט מיטן אייגל פון שפּייער דעם אַלטן...

דאָ איז געקומען דער זון צו דער צייט!
וואו איז דער זקן? מע זאָגט אַז ניט ווייט,
מ׳האָט אים אויף מערב געזען און אויף דרום,
פירן די דייטשן צו זייערע קברים.

אַ זיי־געזונט

צעפּעפּענען זיך פינקלדיק
די טויערן פון פרייד,
פון אַלע ווייטע ווינקעלעך
מע גייט, מע גייט, מע גייט!

עס וויכערן און רעגענען
די לידער אויפן וועג,
איז לאָמיר זיך געזעגענען,
דער פּאַיעזד גייט אַוועק.

צעפּאַליעט איבער ראָגן זיך,
די שטעטלדיקע זון,
די טאַטע־מאַמע טראָגן זיך,
אינאיינעם מיטן זון.

ס'האָט אָנגעטאָן די מאַמע היינט
דאָס יום־טובדיקע קלייד,
די מאַמע האָט מסתמא היינט
אַ טרער געלאָזט פון פרייד.

אברהם האָט אַ פּאָר הויזן אים,
אַרמייאישע געמאַכט,
אוןביילקע האָט צוויי רויזן אים
פון סעדעלע געבראַכט.

בנימין האָט אַ רעקל אים,
אַ כאַקנס אויפגענייט,
און כאַווקע האָט אַ זעקל אים
אַ זיידנס צוגעגרייט.

און לייזער האָט געגעבן אים,
אַ העמדל פון סאַטין,
און פעסל האָט געגעבן אים
אַ פּעקעלע טוטין...

אַ הודעה האָט דער שליאַך געטאָן,
דער צוג איז שוין ניט ווייט,
ס'האָט עמעצער אַ לאַך געטאָן,
אַ וויינ געטאָן: ס'איז צייט!

די רונדע רעדער קלאַפּן שוין,
עס טוט אַ שמעק מיט סטעפּ,
דער זיידע און די באָבעשע
פאַררייסן שוין די קעפּ.

דער זשיידע קרעכטשט פאַר ביידע שוין:
— אַז אָך איזש מיר און וויי,
ניט לאַנג איזש דאָך דער זשיידעשע
געגאַנגען אין אַרמיי!...

דער זשיידע וויל דערטשיילן ערשט,
ווי ער האָט עס געדינט,
נאָר ס'נעמט דער רויך זיך צלמען
און שלענגלען אויפן ווינט...

דאָס גלעקל האָט אַ קלונג געטאָן
ווי עפּעס אומגעריכט,
אַ מיידל האָט אַ שפּרונג געטאָן,
דער צוג האָט זיך גערירט...

איר בליק האָט אים אַ גלעט געטאָן,
גאָוריליקן אויף גיך,
איר וואונק האָט אים אַ בעט געטאָן
אַ בריוועלע פון זיך...

דער זשיידע וויל ניט שיידן זיך,
צום פענצטער — ווי אַ כוואַט,
פאַר שיסן האָט דער זשיידעניו
אַ גראַמאַטע געהאַט.

— „איז זיי געזונט, גאַווריליקל
און פאַר געזונטערהייט״,
דאָס שטעטל האָט גאַווריליקן
אין פאָלק אַריין באַגלייט.

אַ גוטער שיסער ביסטו שוין
און טרעפן קאָנסטו גוט,
די רוצחים די פאַשיסטישע
דערטרינק אין זייער בלוט!

אַ ווינטל האָט אַ פריש געטאָן,
דעם שטעטלשן וואָקזאַל,
די מאַמע האָט אַ וויש געטאָן
די אויגן מיט איר שאַל.

אַוועק איז נאָר אַ רגע נאָך,
דער צוג איז שוין אין וועג,
— איז לאָמיר זיך געזעגענען,
דער פאָיעזד גייט אַוועק!

אַוועקגעגאַן, אַוועקגעגאַן,
אַוועקגעגאַן מיט גליק,
איז לאָמיר זיך געזעגענען,
זאָל שפּילן די מוזיק!

און ווערטער גייען וואַרעמע,
זיי לויפן נאָר צופוס,
— אַ גרוס דער רויטער אַרמיע,
און סטאַלינען אַ גרוס!

די באַלאַדע וועגן אַ שנירל פּערל

מע זאָגט, אַז זייער ערד זיינען די ימען־טיפן,
אַז זייער הימל זיינען שיף־דעקן אין גאַנג,
אַז ס'האָבן דורותדיקע שטראָמען זיי געשליפן.
אַז שטורעמס פלעגן זיי פאַרוויגן מיט געזאַנג,
אַז מענטשן האָבן זיך געוואָרפן פון די שיפן
און האָבן זיי אין בייזן ים געזוכט. ווי לאַנג,

ווי לאַנג זיינען די פערל אינעם ים געלעגן,
ווי לאַנג אין טראַכט פון טיפן ים גערוט
ביז אויף צעאַקערטע און ווילדע וואַסער־וועגן
האָבן די פערל־זוכער הייס געלאָקערט די מינוט
ווען זיי, די הוילע שלעפער וועלן מיט פאַרמעגנס
אַהיים זיך אומקערן פון גרויזאַמען מאַרשרוט...

ניט אין בית־עלמין שפרייט זיך אויפן ים־דעק,
די טויטע פערל־זוכער שווימען שטיל אַרום,
עס רופן זיי די פערל, ווי ביים לעבן פלאַמענדיק,
די פערל־זוכער טאַפּן מיט די פינגער דעם אַרום —
ס'איז קאַלט, ס'איז אומעטיק, ס'איז נעפּלדיק, ס'איז זאַמדיק,
די ים־גראָזן ווי גרינע פינגער, בלאָנדזשען אומעטום...

זיי האָבן זיך דערוואָרט, די פערלדיקע נעסטן
אויף געסט. אויף גליקלעכע מיט דרייסטקייט אינעם בליק,
וואָס האָבן אויסגעשפּילט די ריזיקע פאַרמעסטן
און דורכגעשפּאַנט דעם גרויסן ים ווי אויף אַ בריק,
דעם אוצר אויסגעזוכט, דעם טייערסטן, דעם גרעסטן
און אויפן אַלטן ברעג זיך אומגעקערט צוריק...

אַזוי זיינען די פערל אויף דער וועלט געקומען
מיט זייער מילדן זילבער־פּערלדיקן רייץ,
מ׳האָט אויף אַ זיידן שנירל זיי אַרויפגענומען,
אַרויפגעסיליעט לויטן וואוקס. און מיטן פלייץ
פון הענדלער־רויש אַוועק אין בונטן מאַרק פון אומעט,
מ׳האָט אויסגעביטן זיי אויף גאָלד, אויף זייד, אויף ווייץ...

דאָס שנירל פערל, וועגן וועלכן מיר דערציילן,
האָט אַרום זיך געשיכטעס מאָדנע אָן אַ ברעג,
ס׳האָט עס אַמאָל געהיט אין זיינע טיפע איילן
דער טערקישער סולטאַן. מע זאָגט, אין גרויע טעג
פלעגט ער מיט זיי דעם שווערן אומעט היילן
ביי יונגע מיידלעך אין האַרעם... דער גרויסער וועג,

וואָס אָט די פערל האָבן דורכגעמאַכט אין וואַנדער,
ווייסט קיינער ניט גענוי. מע זאָגט, אַז מ׳האָט אַמאָל
געשלעפּט זיי מיטן ים אויף קויטיקע שאַלאַנדעס,
דער גרייזער ים האָט דאַן קרבנות אָן אַ צאָל
געשלונגען, און די שטראָמען האָבן זיך ווי באַנדעס
געוואָרפן אויפן רויב. מע זאָגט, אַז אויף דער שאָל

פון לעבן און פון טויט האָט שטומערהייט געפלאָטערט
דאָס שנירל פערל. און ס׳האָט אַ רגע בלויז געפעלט,
אַז ס׳זאָל זיך אומקערן אַהיים און ווידער זאָט דאָרט
מיט נאַכט, מיט פיש, מיט רו, אין ימיקן געצעלט
שווין אייביק בלייבן ניט באַפלעקט און ניט געמאַטערט
אויף מערק און בעלער פון דער גרויער וועלט...

נאָר פערל, זאָגט מען, האָבן אויכעט זייער גורל,
ער טשאַטעוועט נאָך זיי, ער גייט זיי שטענדיק נאָך.
די שווימער האָבן זיי אין שטורעם ניט פאַרלוירן,
(די שפיל מיט דער געפאַר, איז ווי די שפיל אין שאָך!)
דאָס שנירל פערל איז אַרויס ווי ניי־געבוירן
פון יענעם מוראדיקן אויספּרואוו און דערנאָך

האָט מען זיי נאָכאַמאָל אין פּעטע הענט געוואויגן
מיט פינגער שווייסיקע געמאָסטן זייער ווערט,
געטאַפּט זיי מיט פאַרשוואומענע מיט מוטנע אויגן,
געטוליעט זיך צו זיי מיט נואפדיקע בערד,
אויף העלדזער, ווי אויף תליות זיי אַרויפגעצויגן,
אויף קישנס שמאַלציקע איז פינקלען זיי געוועזן באַשערט...

זיי זיינען אויסגעוועזן אַ וועלט, ניט שייך צו זאָגן,
אַוואו אַ שמחה, וואו אַ מאַרק, וואו אַ יאַריד,
ביז מ'האָט זיי נאָכאַמאָל צו שאַנד אַרויסגעטראָגן,
מ'האָט שוין פאַרגעסן וואו — אין סטאַמבול, צי מאַדריד,
ביז מ'האָט זיי נאָכאַמאָל געטרייסלט אויף אַ וואָגן
און זייער באַלעבאָס איז שוין געוועזן אַ ייד.

ערגעץ ביים מידן סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט
האָבן די פּערל אויף זיין חתונה געטאַנצט.
די ווייבער אין פאַבריקן, האָבן זיי באַוואונדערט,
ביי אַלעמען האָבן די אויגן פייכט געגלאַנצט.
אָ, וויפל פריינט האָט דאָן די שנאה אָפּגעזונדערט,
און וויפל קנאה אויף דער ערד פאַרפלאַנצט.

ס'געדענקט ניט קיינער, צי געשמייכלט האָט די כלה,
צי גאָר געוויינט די פרעמדע פּערל אויף איר האַלדז
האָבן ווי רונדע טרערן אויסגעזען ביי אַלע.
ס'האָט זיך געדוכט, זיי האָבן אויך דעם טעם פון זאַלץ,
דער וויטער ים אַליין האָט אויסגעוויינט זיי. מאַלע
וואָס ס'האָט אַמאָל געדוכט זיך אין אַ דאָרף אָן אַלטס...

פון דור צו דור זיינען געגאַנגען יענע פּערל,
מ'האָט זיי אויף סאַמעטענע קישעלעך געהיט,
ס'האָט זיך געמעגט די וועלט אַפילו איבערקערן,
ניט איינמאָל האָט די נויט אין שווערע טעג געבריט,
מ'האָט אַלץ פאַרקויפט, — אַ שטיקל פּיסנע ברויט זאָל ווערן,
מ'האָט אַלץ פאַרקויפט. נאָר זיי, די פּערל — ניט.

וואו זיינען זיי אַצינד, די כשרע, די ריינע,
וואָס האָבן אַלעמאָל אַזויפיל ווי דערוועקט ?
אין קאַנטן, ערגעץ ווייט, צי ביי אַן אַלטער שכנה
אין קליינעם שופלאַד אין אַ בייטעלע פאַרשטעקט.
צי האָט זי זיי פאַרהיט פון פינגער פון געמיינע
און ווי דער ים געהאַלטן, ניט באַפלעקט ?

זי האָט זיי ניט געדאַרפט פאַר זיך. אין וועג אין ווייטן,
אין קבר נעמט מען דאָך מיט זיך שוין גאָרניט מיט,
געוואוסט האָט זי, אַז ס'קומט די צייט פון אַלע צייטן,
דער טויט איז איר פונלאַנג שוין נאָכגעגאַן פוסטריט,
מיט בלינדע פינגער פלעג זי אָנטאַפּן דעם בייטל
מיט די פּערל און דערנאָכדעם טרויעריק און מיד

זיי צערטלען. און פאַר אירע אַלטע אויגן פלעגן
זיך דורכטראָגן די שווערע יאָרן מיט אַ ראַש,
עס האָבן זיך געפלאָנטערט מענטשן, ווערטער, וועגן,
דער מוח האָט איר שיער געפּלאַצט פונעם מישמאַש,
זכרונות זיינען דורך — אַ פייערדיקער רעגן
און נאָך די אָפּגעבּרענטע יאָרן — קופּעס אַש...

און פּלוצים קומט אַ גרוס: איר אייניק איז געפאַלן,
איר גרעסטער אוצר איז געפאַלן אין געשלעג;
יוען דייטשן האָבן זיינע פריינט באַפאַלן,
האָט ער, איר אייניק, זיך געשטעלט אין וועג,
מ'האָט איר דערציילט, אַז איבער פינצטערע וואָקזאַלן
האָט זיך צעלויכט זיין נאָמען. טרערן אָן אַ ברעג

האָבן געפּלייצט פון אירע רויטע טויטע אויגן,
איר פאַרמעט־פּנים האָט געשמעקט מיט פייכטער ערד,
דער אומגליק האָט נאָך מער זי צו דער ערד געבויגן,
מיט איר פאַרטויבטן אויער האָט זי קוים דערהערט
אַ ליד, וואָס ס'האָט איר אייניק אַזוי אָפּט פאַרצויגן,
אַ נאָנטע ליד, אַ נאָנטער טופּ, אַ טופּ פון פערד...

נאָר ס'איז ניט ער האָט דאָס שיינע ליד געזונגען,
זי וואָלט דערקענט זיין קול, ווען ס'איז ניט ווייט פון איר,
דאָס זיינען זיינע פריינט. אָ, זי געדענקט די יונגען,
זיי האָבן זיך אין זאַמד געשפּילט מיט אים לעבן דער טיר,
דאָס פאָרן זיי צו איר. ס'האָט זייער ליד געקלונגען
און האָט באַגלייט איר יעדער קער, איר יעדער ריר...

וואָס נענטער ווערט דאָס ליד — אַלץ מערער פליסן טרערן.
זי האָט זיך אויפגעהויבן אַזוי שוואַך און מאַט
און אומגערן באַרירט דעם בייטל מיט די פּערל,
וואָס זי האָט אין איר ווי פאַרגעסן שוין כמעט —
דאָס איז שוין אַלץ, וואָס טוט נאָך איצט צו איר געהערן,
דאָס איז שוין אַלץ, וואָס זי האָט ווען עס איז געהאַט...

זי טאַפּט דעם קרומען וועג און ס'דאַכט זיך, אַז עס גלאַנצן
די אויגן אירע טיף אונטער דער דינער הויט,
זי שטייט און האַלט דאָס פענצטער מיט איר דאַרער האַנט צו
און מורמלט צו די רייטער ביי דעם שטילן פלויט:
— „איך וועל שוין אויף זיין חתונה ניט טאַנצן
און דאָס איז אַלץ, וואָס כ'קאָן אייך שענקען פאַר מיין טויט!"

זי האָט דאָס שנירל פּערל אויסגעשטרעקט די רייטער
און צוגעגעבן שטיל דערביי: איך האָב ניט מער...
מע האָט געזען: ס'האָט זיך איר פּנים אויסגעלייטערט,
זי האָט אַ שטילן זאָג געגעבן: זייט ווי ער!
געגעבן האָט זי זיי די פּערל־שיינקייט ווייסע,
גענומען האָבן זיי די פּערל, ווי געווער...

פאַרנאַכט האָט מען די גוטע אַלטיטשקע באַהאַלטן
אינאיינעם מיטן אייניקל, געשטעלט איין צאָם.
די פּערל אירע האָבן אינעם רוים דעם קאַלטן
צעפלאַמט זיך מיט אַ פולווערדיקן פלאַם.
די רויטע פאַלקן טראָגן זיך פאַרויס צעשטראַלטע
און ס'רוישט דאָס פעלד פאַר זיי, ווי ס'האָט גערוישט דער ים.

הערט מיך, ברידער!

ברידער מיינע, הערט מיך, ברידער,
זאָלן וואַך זיין הארץ און אויער,
כ׳שריי פון בערג מיט ווי און טרויער,
וואו די בין־השמשות־לידער
זינגט דער טויט.
אין פלאַם אין יענעם,
כ׳האָב אויף בערג פון ווי און וואונדן
שוין פאַרזוכט דעם טעם פון גיהנום.
פון מיין אויג וועט ניט פאַרשווינדן,
ניט אַנטלויפן, ניט אַנטרינען,
ס׳וועלן ווינטן ניט צעווייען, —
אויף פאַלטאַווער פעלדער גרינע
ליגט אַ קינד צעהאַקט אויף צווייען,
ליגט און קוקט מיט טויטע אויגן,
ליגט מיט הענטלעך אויסגעצויגן...

ברידער מיינע! כ׳שריי פון פייער,
זעט איר דען ניט? זייט איר בלינד דען?
איז דאָס קינד ניט אייער קינד דען?

קומט אַ טאָג צוגיין אַ נייער,
הערט זיך איין אין שעהן פריע,
הערט אַ סקריפ — דאָס איז אַ תליה
אין מיין שטעטל אויף אוקראַינע,
צי אין קאָוונע, צי אין האָמעל,

אין די אויגן טונקלע שיינען,
אויף די ליפּן ברענט נקמה...
ס׳הענגט אַ יונג שוין לאַנג אַ קאַלטער,
נאָר די הענט, ווי גרייט צום רודער
אין דער לופט דער גרויער האַלט ער;
איז דער יונג ניט אייער ברודער?

ווייטער, הינט אויף ערד, אויף אַלטער,
ביי די בּרעגן די טשערקאַסער
ליגט דער דניעפּער, נאָר זיין וואַסער
איז באַדעקט מיט אַש מיט גרויען
און מיט ווייטיק און בזיון,
ס׳וויגט אַ מיידל זיך אויף שטראָמען,
קיינער ווייסט דאָ ניט איר נאָמען,
אפשר פייגע, אפשר אסתר?
איז דאָס מיידל ניט דיין שוועסטער?

ברידער מיינע! ווער וועט צאָלן?
פון דעם בּלוט, וואָס שטראָמט אָן אויפהער
ווערט די גאַנצע ערד געשוואָלן,
פון דיין בלוט, וואָס שטראָמט אָן אויפהער
ווערן טייכן אין די טאָלן.

ס׳רופט דער צפון, ס׳רופט דער דרום,
ס׳רופט דער נעכטן, ס׳רופט דער מאָרגן,
ס׳רופן קולות פון די קברים,
וואָס דער טויט האָט ניט דערוואָרגן,
וואָס דער שטריק האָט ניט פאַרצויגן,
וואָס די נאַכט האָט ניט פריהלושעט...

קאָנסטו קוקן אין די אויגן
פון דיין ווייב און קינדער דיינע
און ניט רויט ווערן פון בושה?
ברענט און בראָט דיר ניט די טענה

פון די שוועסטער די געשענדטע,
און באַשמוצטע דורך די שעכטער,
פון געקוילעטע, פאַרברענטע
זיידעס, טאַטעס, זין און טעכטער?

טו אַ קוק: דורך טויטן קאָרן
טראָגן ווינטן זיך מיט צאָרן,
ס׳ליגט אַ פרוי, אַן אַלטע מאַמע,
אירע קנייטשן אויפן שטערן
זיינען קענטלעך דיר מסתמא?

זע, ווי טרערן, טויטע טרערן,
טריפן פון די טויטע אויגן,
אַט די מוטערלעכע אויגן
זיינען קענטלעך דיר מסתמא?
אויב ניט זי האָט דיך געזויגן,
האָט אַ צווייטע דיך געזויגן,
איז די פרוי דען ניט דיין מאַמע?

ברידער מיינע! לאָמיר שווערן
ביי דער מאַמעס ריינע טרערן,
ביי די קינדער אין די וויגן,
ביי די זילבער־בערד פון אָבות,
ביי די מתים אין די ראָוועס, —
אָדער פאַלן, אָדער זיגן!

מיין קללה

מיין קללה זאָל פאַלן אויף דיר ווי אַ פלאַמיקער האָגל,
דיין מזל זאָל ווערן צעקנאַקט ווי אַ ליימענער לאָגל
און וואו דו וועסט זיין זאָל מיין קללה דיך בראָטן און בריען,
ביז ס׳וועט מיין נקמה דיין טרפהנעם גאָרגל פאַרציען!

פאַרשאָלטן זאָל ווערן די מאַמע, וואָס האָט דיך געבאָרן,
פאַרדאַרט אין פאַרטריקנט זאָל ווערן אויף פעלדער דיין קאָרן
נאָך איידער ס׳וועט קומען עס שניידן דיין מערדערשער שניטער,
זאָל ווערן דיין שטח באַשאָטן מיט נאַקעטע ריטער...

און אויב דו וועסט ווידער אויף פעלדער די קערנער פאַרזייען, —
זאָל ווידער מיין קללה, וואָס רייסט זיך דורך קינדער־געשרייען,
דורך שרפות און רויכן, דורך גוואַלדן פון פרויען געשענדטע,
דיך פּאַקן און טראָגן דיין שאַנד צו די דורות די צענטע!

דער הימל זאָל דיר און דיין חברה קיין טראָפּן ניט שענקען,
דיין האַקנקרייץ זאָל זיך אין בלאָטיקן בלוט דיינעם שווענקען
און וואו דו וועסט שפּאַנען זאָל ליגן אַ שטיין אויף די וועגן,
די פערד זאָלן טרעטן אויף דיר און דיין גנביש פאַרמעגן...

און הינט זאָלן קומען באַמיסטיקן דיך און דיין היכל,
ניט זען זאָלסטו קיינמאָל קיין ליכטיקן קינדערשן שמייכל,
דיין ערד זאָל באַדעקט זיין מיט רייען פון הויכע קורגאַנען,
דיין בוים ביי דיין פענצטער זאָל ווי דיין מדינה פאַרוויאַנען!

און וואו נאָר וועסט פּרואוון זיך ווענדן, זיך שטעלן, זיך קערן,
זאָל זינקען דיין מערדעריש פליייש אין די טייכן פון טרערן,
וואָס טריפן פון מוטערשע אויגן, פון קינדערשע אויגן
און האָבן די וועלט ווי אַ וואָלקן פאַרדעקט און פאַרצויגן...

דער האַס צו דער גזלה, וואָס וויינט אין די געטאָס דערשראָקן,
זאָל ווערן די שווערד, וואָס וועט דיך און דיין חייל צעבראָקן,
דאָס יידישע בלוט אויף די פעלדער, די גאַסן, די ברוקן,
זאָל אויפשטיין, און ווערן די שרפה, וואָס וועט דיך פאַרצוקן!

פאַרשאָלטן זאָל ווערן דיין נאָמען, פאַרמעקט זאָל ער ווערן,
אַט דאָ אונטער זאַנגען פון זון, אונטער שנייען פון שטערן,
ווי שטויב זאָל אַנטרינען, פאַרשווינדן דיין וויסטע חבריה
און ס'זאָל נאָר מיין קללה באַגלייטן דיין שוואַרצע לויה!

שאַקאַלן און די זון

(אַ משל)

שאַקאַלן האָבן זיך געטראָגן מיט געהויל,
די לופט איז פול געווען מיט שוידער און מיט גרויל,
אַ קלאַנג איז זיך צעגאַנגען איבער נאָרעס,
קלאָר איז:
דער קעניג פון די גרויזאַמע שאַקאַלן,
האָט לאַנג שוין פעסטגעשטעלט,
אַז זייער גרעסטער שונא אויף דער וועלט
איז אָט די זון מיט אירע שטראַלן!

ווען ניט די זון וואָלט אייביק בלויז געהערשט די נאַכט,
און ביים שאַקאַל איז שטאַרק ביינאַכט די מאַכט,
ביינאַכט איז דער שאַקאַל דער קעניג,
און אַלץ אַרום איז אונטערטעניק
דעם ווילדן קריץ פון זיינע ציין,
דער קרבן קומט אַליין.

און רעדלעך גיריקע, שאַקאַלישע אין היילן טענהן,
— ווי וואַגט די זון צו שיינען,
ווען די שאַקאַלן זיינען קעגן איר! —
האָט כלעפּטשענדיק זיין ניורנבערגער ביר
אַ ריזיקער שאַקאַל געשריגן האַסטיק...

— פֿאַרלעשט די זון! — האָט אַ שאַקאַל
געטאָן אַ שאַל
און האָט געפּאָכעט מיט זיין סוואָסטיק.
זיין קול
האָט זיך געקויקלט איבער בערג און טאָל,
שאַקאַלן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן ווי האָזן.

מיט קעפּ פֿאַריסענע אויף הויכער זון זיי בלאָזן,
זיי בלאָזן אָן אַ שיער,
די זון נעמט בייטן איר קאָליר,
און צו פֿאַרנאַכט
האָט זי דעם קוואַל פֿון ליכט פֿאַרמאַכט...

— „פֿאַרלאָשן שוין!" — האָט אַ שאַקאַל אַ יונגער אויסגעשריגן —
ווי באַלד מיר האָבן זי געקאָנט באַזיגן
איז שוין גוט!"
נבלהש פֿלייש און חיהש בלוט
האָבן געטאָן דעם הונגער זעטן,
אויף די פֿאַשיסטישע באַנקעטן.

צו מאָרגן אָבער איז די זון געקומען מיט איר ברען
און די שאַקאַלן האָבן גיך דערזען,
אַז זייער זיג האָט בלויז די ווערט אַ גראָשן,
די זון איז ניט פֿאַרלאָשן,
און זייער אַרבעט איז געווען אומזיסט!

— „שיסט! —
האָט דער צעכעסטער קעניג אויסגעשריגן —
„זאָל ווערן אָט די ערד פֿאַרוויסט,
מיר וועלן אָט די זון באַזיגן!"

און ניט געזאַמט —
שאַקאַלן טראָגן זיך פֿאַרפּאַליעט און צעפּלאָמט,
זיי שלעפּן ביקסן, באָמבעס און האַרמאַטן.
— „אויב ניט מיט גוטן — שרייט דער קעניג — איז מיט בייזן!
און דאָרט וואו ווערטער קאָנען גאָרניט לייזן,
קומען טאַטן!"...

אַ גאַנצן טאָג האָט מען אין בערג,
געהערט
די שיסערייען, —
דאָס האָבן די שאַקאַלן אויף דער זון ניט אויפגעהערט צו שפּייען
מיט פייער און מיט פלאַם.
פאַרנאַכט האָט מען געפייערט מן־הסתם
דעם גרויסן זיג איבער דער זון דער רויטער...

אויף מאָרגן אָבער איז די זון געקומען מיט איר ברען,
ווי שטענדיק העל און לויטער,
און די שאַקאַלן האָבן גיך דערזען,
אַז דער נצחון האָט די ווערט אַ גראָשן,
די זון איז ניט פאַרלאָשן!

עס שיינט די רויטע זון איבער דער ערד,
זי האָט ניט מורא פאַר קיין קויל און פאַר קיין שווערד!

דער קעניג זעט דאָס אַלץ און יאָמערט אויף שאַקאַליש:
— „איך חלש!..."

נאָך אַ שאַקאַל
מיט עפּאָלעטן פון אַ גענעראַל
האָט אויסגעשריגן:
— מיר וועלן זי, די זון, באַזיגן!

— „נאָר ווי אַזוי ?" — האָט זיך צעיאָמערט אַ שאַקאַלעכל
מיט אַ פּאַראַשוט אָנשטאָט אַ שאַלעכל.

— פּאַרלעשן וועלן מיר די זון געוויס,
ווען ס'וועלן טייכן וואַסער טאָן אויף איר אַ פּליס !

און די שאַקאַלן
האָבן אַ לאָז געטאָן די וואַסער־קוואַלן
אויף דער זון.
דערפון,
איז קלאָר, האָט גאָרניט זיך געביטן.
די זון האָט אַלץ ניט אויפגעהערט צו שיטן
די שטראַלן אירע אויף דער ערד,
פאַרקערט,
זי האָט נאָך וואַרעמער צו גאָר דער וועלט געוואונקען
און די שאַקאַלן האָבן זיך אין וואַסערן אין זייערע דערטרונקען.

און די, וואָס זיינען נאָך געבליבן אויף דער ערד,
הערט !
אין אייער וואַסער וואַשט די קויטיקע געוועשן,
נאָר אונדזער רויטע זון וועט קיינער קיינמאָל ניט פאַרלעשן !

זיג

דעם זיג וועט אונדז קיינער ניט ברענגען
אויף גילדענע טאַצן,
דער זיג וועט ניט קומען אין זיידענע קליידער
פון מירמל־פּאַלאַצן,
און ניט ווי אַ שוואָם נאָך אַ רעגן
וועט ער זיך באַווייזן, —
ער רייסט זיך דורך ווי און דורך צאָרן,
דורך בלוט און דורך אייזן.

ער גייט דורך צערויעטע פעלדער,
ער שפּאַנט רויטאַרמייאיש,
ער שווימט מיט פאַרבלוטיקטע טייכן
און ווייסט ניט קיין יאוש.
עס דונערט זיין קול אינעם דראָט
אויף צעלעכערטע שטאַנגען,
עס דונערט זיין קול אינעם טראָט
אויף פאַרסמאַליעטע זאַנגען.

דעם זיג וועט אונדז קיינער היינט
ווי אַ מתנה ניט שיקן, —
ער שפּרייזט איבער וועלדער צעהאַקטע,
צעריסענע בריקן,
אָט טוט ער אַ הייב זיך און שניידט
מיט זיין גבורה דעם נעפּל,
אָט טוט ער אַ פאַל אויף דער ערד
ווי אַ האַרבסטיקער עפּל...

אַט טוט אים אַ שליידער אין אָפּגרונט
די שטאָלענע חיה,
אַט הודעט שוין ווידער זיין קול
אין די ביקסן געטרייע!
אַט זעט מען אים ווידער אויף פליגל
צעשאָסענע הענגען,
דעם זיג וועט אונדז קיינער אויף גילדענע טאַצן
ניט ברענגען!

ער וועט נאָך גענוג אויף די פעלדער אי פלאַמען,
אי פרירן,
נאָר ניט ווי אַ בעטלער, וואָס קלאַפּט
אין פאַרזיגלטע טירן
וועט קומען דער זיג און די ערדן די פרייע
באַטרעטן,
ער וועט קיין נדבה ביי קיינעם,
ביי קיינעם ניט בעטן!

און אויב זיין שינעל וועט צעפליקט זיין,
צעלעכערט, צעריסן,
טאָ זאָל דאָס ביי קיינעם זיין ליכטיק געשטאַלט
ניט פאַרמיאוסן,
ווייל אים וועט נאָך אויסקומען פליען,
קאַראַבקען זיך, שפרייזן
דורך שנאה, דורך קנאה, דורך פייער,
דורך בלוט און דורך אייזן...

איז זאָל אינעם ראַנגל דעם גרויסן,
דעם אייביק־גערעכטן,
די קראַפט פונעם לייב מיט דער מי פון די מילבן
זיך פלעכטן.

דער זיג וועט ניט קומען אין זיידענע קליידער
פון מירמל־פּאַלאַצן,
דעם זיג וועט אונדז קיינער ניט ברענגען
אויף גילדענע טאַצן!

אברהם־יצחק און דער בערלינער קונצנמאַכער

אַ געבויגענער אַ גרויער
מיט אַ לאַנגן קרומען שטעקן,
שפּאַנט דער אַלטער אברהם יצחק
איבער די בערלינער מאַרקן,
שפּאַנט דער גרייזער אברהם יצחק
מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן,
און עס דוכט זיך, אַז ער מורמלט:

— ס׳איז דער וועג ניט שטענדיק ליכטיק,
כאָטש בייטאָג באַהעלט די זון־שיין,
כאָטש ביינאַכט די שטערן לויכטן,
און באַוואוסט איז פון לאַנגאַנגען,
ווי עס פּאַסט דער שניי צום ווינטער
פּאַסן רעגנס פאַרן זומער
און דאָס וועלקן פאַר די האַרבסטן
און דאָס בליען פאַר די פרילינגס...

ניט באַמערקט ער אַפילו
אונדזער אַלטער אברהם יצחק,
ווי זיין נעפּלדיקער מורמל
האָט זיך אָנגעטאָן אין ווערטער,
ווי אויף די בערלינער מאַרקן
האָבן רעדלעך זיך געזאַמלט
און באַקוקט דעם גאַסט, דעם מאָדנעם
און געהערט די ווערטער זיינע.

איינע הערן ווי פּאַרגאַפּטע,
איינע בורטשען אומצופרידן,
ס'נעמען אַנדערע זיך קריגן
מיטן איינגעשפּאַרטן זקן,
נאָר דער מידער אברהם יצחק
שטייט אַ רואיקער און שמייכלט
און אויף אַלע לאַנגע טענות
האָט ער זיינע קורצע תשובות,
האָט ער זיינע קלוגע פּסוקים:
— אַלץ האָט אונדזער ערד געזען שוין,
אַלץ איז איר פון לאַנג באַוואוסט שוין!

מענטשן פּינטלען מיט די אויגן:
— ס'איז דער אַלטער ניט קיין טיפּוש,
ס'איז בלויז נויטיק דורכצוקוקן
אַלע זיינע דאָקומענטן,
ווייל די באָרד, וואָס ביזן גאַרטל,
איז שוין עפּעס צו פּאַרדעכטיק...

וואָס איז שייך די געדאַנקען,
זאָלן אַנדערע זיך קוויקן,
דער אַריער איז פאַרנומען,
האָט ער ניט קיין צייט צו טראַכטן.
נאָר אויף וויפל אָט דער זקן
האָט אַ נייגונג צו געדאַנקען,
איז דאָך קלאָר, אַז קיין אַריער
איז ער ניט, דער גרייזער זקן...

ווען דער אָנפאַל פון די רעדלעך
האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאַרניט,
האָבן זיך געלאָזט שלוחים
אין די העמדער אין די ברוינע
צו דעם פּאַלאַץ, צו דעם גרויסן,

וואו עס וואוינט דער קונצנמאַכער
און דער הערשער דער בערלינער...

אין זיין קייזערלעכער בריטשקע,
האָט ער פּלוצים זיך באַוויזן
אַ באַפּוצטער מיט קמיעות
און מיט סטענגעס און מיט בלעכלעך,
מיט אַ קרוין אונטער דער פּאַכווע,
אַ פּאָר וואָנסן ווי די שפּיזלעך
מיט אַ קול פון אַ פעלדפעבל...
און דערזעענדיק דעם אַלטן,
אַ געשריי געטאָן ברוגז:

— וואָס האָט ער אָט דאָ געפּלאַפּלט,
אָט דער יודע, דער פאַרפלוכטער?

און דער ברוינער קונצנמאַכער
האָט זיין האַנט אַ הייב געגעבן
און דאָס לאַנד איז שטום געוואָרן
און דערזען האָט אברהם יצחק
ווי אויף מיילער הענגען שלעסער...

קוקט מיט שטאָלץ דער קונצנמאַכער
אויפן שוואַכן אברהם יצחק,
נאָר דער אַלטער גיט אַ שמייכל
און ער זאָגט דערביי באַשיידן:

מ'האָט געמאַכט נאָך אָט די קונצן
ביי די גריכן, ביי די רוימער,
פריער נאָך מיט כמה יאָרן,
נאָר געמאַכט האָט מען עס איידלער...

אָט די פראָסטע רייד פון זקן,
האָבן נאָך פאַרמערט די בייזקייט,

און דער הייסער קונצנמאַכער
גיט אַ פּאַטש מיט זיין שטעקן...

אַלע טירן, אַלע פענצטער
האָבן זיך באַדעקט מיט שטייגן
ווין אַן אומעטיקע תּפיסה,
שטייט דאָס לאַנד אין גרויען נעפּל.

ווידער שמייכלט אברהם יצחק,
כאָטש זיין האַרץ איז פול מיט טרערן,
נאָר ער שמייכלט אויף צו־להכעיס
דעם רוצח, דעם באַקרוינטן:
— נאָך די מיצרים און די פּערסן
פלעגן מאַכן אָט די קונצן,
און דערביי אַ ביסל בעסער...

ס׳ווערט דער קונצנמאַכער בייזער,
זיינע אויגן קוקן שאַרפער,
זיינע ציינער קריצן העכער,
און די ליפן ברומען חיהש...

זיינע בלוטיקע באַהעלפערס,
האָבן תּיכף אים פאַרשטאַנען,
און אַ שייטער האָט צעברענט זיך,
אויף די פּלעצער די בערלינער.
דאָס פּאַפּיר האָט זיך געראַנגלט
מיט די טאַנצנדיקע פלאַמען
און אַ רויך האָט זיך געהויבן
ווי אַ וויי־געשריי צום הימל...

דאָ האָט אונדזער אברהם יצחק
בלויז אַ קוק געטאָן אַ קאַלטן,
אויפן רשע דעם בערלינער
און אַ זאָג געטאָן צום עולם:

— איז דאָס דען אַ שווערע אַרבעט,
וואַרפן ביכער אינעם פייער ?
פון פּאַפּיר ווערט אַש, פאַרשטייט זיך,
נאָר פאַרברענען די געדאַנקען
קען ניט קיינער, דאָס איז ראשית.
והשנית האָט מען לאַנג שוין
אָט די קונצן אונדז באַוויזן,
און מיר דוכט זיך, מיט נעראָנען,
וועט אים שווער זיין זיך פאַרוועטן...

די רציחה האָט צעפּלאָמט זיך
אויפן קונצנמאַכערס פּנים,
ס'האָבן שפּאָרן זיך צעקלונגען
אויף די גלאַנצנדיקע שטיוול,
ס'האָט אַ בייטש אַ פייף געגעבן
אין די הענט פון קונצנמאַכער...

דעמאָלט האָבן זיך באַוויזן,
גרויסע מחנות הענט, געשמידטע,
פוס אין קייטן, שרעק אין אויגן, —
און געבראַכט האָט מען די מחנות
אויף די פּלעצער די בערלינער.
ס'האָבן זיך צעפּויקט די פּויקן,
ס'האָבן זיך צעשוימט די שייטערס,
ס'האָבן זיך צעגלאַנצט די קאַסקעס
און געשליידערט האָט מען מענטשן
אין דעם פלאַמענדיקן אָפּגרונט,
אינעם וואַיענדיקן פייער.

אברהם יצחק הייבט אָן שרייען :
— דאָס איז זייער לאַנג געווען שוין,
נאָר דערביי דאַרף איך באַמערקן,
אַז דער אַלטער טאַרקוועמאַדאַ

איז געווען אַ גרויסער מייסטער
אויף אַזעלכע ווישטע קונצן,
אין פאַרגלייך מיט טאָרקוועמאַדאַ
ביסטו בלויז אַ שוואַכער תּלמיד!...

פול מיט בלוט ווערן די אויגן,
ביים בערלינער קונצנמאַכער,
אים האָט זייער שטאַרק באַליידיקט
וואָס דער זקן האָט דערקלערט אים,
פאַר אַ שילער בלויז אַ שוואַכן
פונעם גזלן טאָרקוועמאַדאַ.

— גוט! — האָט ער זיך הייס צעשריגן,
איך וועל אייך אַזוינס באַווייזן,
וואָס געחלומט האָט זיך קיינעם,
איך וועל אייך אַזוינס באַווייזן,
וואָס וועט אַלע איבעראַשן,
און דער איינגעשפּאַרטער זקן
וועט זיך מוזן אונטערגעבן.

דאָ האָט ער אַזוי געשריגן,
דער בערלינער קונצנמאַכער,
אַז דער ריין איז רויט געוואָרן,
פון דעם בלוט און פון דער בושה,
וואָס האָט זיך פון אַלע ווינקלען,
אָפּגעשפּיגלט אין די שטראָמען:
— אַלע יידן און ביז איינעם
פונעם לאַנד נאָך היינט פאַרטרייבן!

דאָ האָט אונדזער אברהם יצחק,
אויסגעשאָסן אַ געלעכטער:
— ביסט אַ גרויסער קונצנמאַכער,
ביסט אַ ריזיקער דערפינדער.

און איך קני פּאַר דיינע נייסן,
וואָס דו האָסט דער וועלט באַוויזן,
בנוגע צו די יידן,
האָסטו צוגעטראַכט אַזעלכס,
אַז עס מעג זיך ביי דיר לערנען
דער באַרימטער יידנפרעסער
מיטן אַלטן נאָמען פּרעה.
הייצן דאַרפן ביי דיר אין הרובע
אַזאַ יידן־פיינט, ווי המן,
און דער פיינער פורישקעוויטש
איז אַ קעגן דיר אַ הינטל...

דער בערלינער קונצנמאַכער,
שטאַרק צופרידן פון די ווערטער
פון די לויבנדיקע ווערטער
פונעם אַלטן אברהם יצחק,
האָט באַלעקט זיך פון הנאה:
— דאָס איז גאָרניט — דאָס איז גאָרניט!
כ׳קאָן נאָך ווייזן עפּעס בעסערס.
— ניין! מע דאַרף ניט — בעט דער זקן,
כ׳גלויב אין דיינע הענט די פלינקע
און אין דיינע רויבער־נעגל,
קענסט געוויס נאָך בעסערס ווייזן,
נאָר דאָס בעסערס האָט קיין שיער ניט...

גליוּוערן בערלינער גאַסן,
דער בערלינער קונצנמאַכער
טאַנצט אויף חורבות און רואינען
און ער טרייבט די מענטשן־סטאַדעס
אויף דער בוינע, צו דער מיתה...

און דער אַלטער אברהם יצחק,
בלאָנקעט אַלץ איבער די מאַרקן,

— האָסט אַ טעות אינעם חשבון,
האָסט אַ טעות, אברהם יצחק,

ס'האָט די ערד ניט אַלץ געזען נאָך,
דאָ אויף די בערלינער גאַסן.
וואו דער לץ דער ווילדער פּראַוועט,
וואו דער פירער איז אַ גזלן,
דער פּעלדפעבל — אַ פילאָסאָף,
קאָנסטו נאָך אַ סך אַנטפּלעקן:
די רציחה האָט קיין ברעג ניט,
גאַזלעוואַניע האָט קיין שיער ניט,

די תלינים זיינען גרויסע,
זייער פּיפּיקע דערפינדער
און זיי קאָנען נאָך דערפינדן
איבעראַשנדיקע נייסן
ווי אַזוי די מענטשן טויטן!

נאָר עס זעט די גרויסע וועלט שוין
ווי מיט בליי, מיט בלוט און פייער
הייבט זיך אויף די גאַנצע מענטשהייט
קעגן טראָן פון קונצנמאַכער...

און עס זעט די גאַנצע וועלט שוין
ווי אין בליי, אין בלוט און פייער
ווערט געבוירן יענער אורטייל,
וואָס וועט אָפּוואַשן די ערדן,
פונעם היטלערישן הקדש.

ניט גערעכט איז אברהם יצחק,
נייסן זיינען אונדז באַשערט נאָך,
גרויסע נייסן, העלע בשורות,
אונטער לויכטנדיקע הימלען!

איך בין אַ ייד

דער ווײַן פון דורותדיקן דויער
האָט מיך געשטאַרקט אין וואַנדער־וועג,
די בייזע שווערד פון פּיין און טרויער
קאָן ניט פאַרניכטן מײַן פאַרמעג —
מײַן פאָלק, מײַן גלויבן און מײַן בליען,
זי האָט מײַן פרייהייט ניט געשמידט.
אונטער דער שווערד האָב איך געשריען:
איך בין אַ ייד!

ניט פרעהס שלעק, ניט טיטוס, המן
האָבן צעבראָכן אים געקענט,
מײַן שטאָלץ געמיט. עס טראָגט מײַן נאָמען
די אייביקייט אויף אירע הענט.
מײַן שוואונג איז קלענער ניט געוואָרן
אויף שוואַרצע שייטערס פון מאַדריד,
עס שאַלט מײַן רום דורך צייט און יאָרן:
איך בין אַ ייד!

ווען ס'האָט דער מצרי אײַנגעמויערט
מײַן לײַב אין ווענט, האָט ווי געטון
און כ'האָב פאַרזייט מיט ווי די רויערד
און אויפגעגאַנגען איז אַ זון.
אונטער דער זון האָט זיך צעצויגן
אַ וועג מיט בודיקעס באַשיט,
זיי פלעגן שטעכן מיר די אויגן —
איך בין אַ ייד!

די פערציק יאָר פון אוראַלט־לעבן,
וואָס כ׳האָב געקרענקט אין מדבר־זאַמד
האָבן מיין עלטער מוט געגעבן,
בר־כוכבאס רוף האָט אויפגעפלאַמט
אויף יעדן קער פון מיינע ליידן
און מער פון גאָלד האָב איך פאַרהיט
די איינגעשפּאַרטקייט פון מיין זיידן —
איך בין אַ ייד!

וואָס דאַרף איך גאָלד? כ׳האָב עס געקליבן
ווען כ׳האָב קיין ווינקל ניט געהאַט,
מיין גייסט מיין הויכן און מיין טריבן
האָט עס געקענט דען מאַכן זאַט?
שמשון הגבורס האָר, וואָס דלילה
האָט אָפּגעריבט, האָבן געגליט,
געזעטיקט מער ווי רענדלעך קילע, —
איך בין אַ ייד!

דער קלוגער קנייטש פון ר׳ עקיבא,
די חכמה פון ישעיהס וואָרט
האָבן גענערט מיין דאָרשט — מיין ליבע
און זי מיט האַס צונויפגעפּאָרט;
דער שוואונג פון מאַקאַבייער העלדן
אין מורדים־בלוט אין מיינעם זידט,
פון אַלע שייטערס פלעג איך מעלדן:
איך בין אַ ייד!

ס׳האָט אונדזער שלמהס וואונדער־שכל
אין וואַנדער־וועג מיך ניט פאַרלאָזט
און היינריך היינעס קרומער שמייכל
האָט אויך געגנוג מיך בלוט געקאָסט.
איך הער יהודה הלויס קלאַנגען
יאָרהונדערטער און ווער ניט מיד,
כ׳האָב אָפט געוועלקט, נאָר ניט פאַרגאַנגען —
איך בין אַ ייד!

דער רויש פון מאַרקן אַמסטערדאַמער
האָט מיין שפינאָזען ניט געשטערט
אַליין די רוימען מאַכן גראַמער;
די זון פון מאַרקסן אויף דער ערד
האָט אָפגעפרישט מיט רויטקייט נייער
מיין אוראַלט בלוט און מיין געמיט
און מיין ניט וועלקנדיקן פייער —
איך בין אַ ייד!

אין מיינע אויגן איז פאַראַנען
די שיין, די שטילקייט און דער דראַנג
פון זון־פאַרגאַנג ביי לעוויטאַנען,
פון מענדעלעס געבענטשטן גאַנג,
די שאַרף פון רוסישע באַגנעטן,
דער בלענד פון קאָרן אינעם שניט,
איך בין אַ זון פון די סאָוועטן,
איך בין אַ ייד!

דאָס ווידערקול פון חיפהר האַפן
הילכט אָפּ, ווען ס׳טוט אַ קלונג מיין קול,
די אומבאַמערקטע טעלעגראַפן
דערטראָגן מיר דורך ים און טאָל
דעם שלאָג פון האַרץ אין בוענאָס־איירעס
און פון ניו־יאָרק אַ יידיש ליד,
דעם שוידער פון בערלינער גזרות,
איך בין אַ ייד!

איך בין אַ ייד, וואָס האָט געטרונקען
פון סטאַלינס וואונדער־כוס פון גליק,
ווער ס׳וויל, אַז מאָסקווע זאָל פאַרזונקען,
די ערד פאַרקערעווען צוריק,
דעם זאָג איך: לאָ! דעם זאָג איך: נידער!
כ׳גיי מיט די מזרח־פעלקער מיט,
די רוסן זיינען מיינע ברידער, —
און כ׳בין אַ ייד!

מיין רום — אַ שיף אויף יידע שטראָמען
מיין בלוט די אייביקייט באַשיינט,
מיין שטאָלץ איז יעקב סווערדלאָווס נאָמען
און קאַהאַנאָוויטש — סטאַלינס פריינט.
מיין יוגנט טראָגט זיך איבער שנייען,
דאָס האַרץ איז פול מיט דינאַמיט,
מיין מזל פלאַטערט אין טראַנשייען,
איך בין אַ ייד!

כ׳בין ניט אַליין! עס וואַקסט מיין גבורה,
די שלאַכט איז היינט מיין ערלעך ברויט,
איך לויב דעם פלאַם, איך הויב דעם שטורעם,
וואָס טראָגט די ברוינע פיינט אַ טויט,
מיין קראַפט איז מער ניט הינטערשטעליק,
עס שרייט פון דר׳ערד אַרויס און בריט
דאָס בלוט פאַפּערניקס און גאָרעליקס:
איך בין אַ ייד!

און אויף צעפּיקעניש די שונאים,
וואָס גרייטן קברים שוין פאַר מיר,
וועל איך אונטער די רויטע פאָנען
נאָך האָבן נחת אָן אַ שיער.
כ׳וועל מיינע וויינגערטנער פאַרפלאַנצן
און פון מיין גורל זיין דער שמיד,
כ׳וועל נאָך אויף היטלערס קבר טאַנצן!
איך בין אַ ייד!

אינהאַלט

זייט

די שבועה — 3
סטאַלין — 4
מיין טאַטע — 6
וואָס מיינט ער, דער בערלינער לץ? — 9
די טערקישע שאַל — 11
אַ באַלאַדע וועגן דעם פאַראַיאָריקן שניי און זיין ווייסקייט — 13
ביי דער קרעמל־וואַנט — 16
די באַלאַדע וועגן אָדעסער לימאַן — 19
ביים פרישן קבר — 24
בליי — 26
זקנים — 27
נו, אַ שלאַכט! — 31
פייער — 35
שימעלע גוטניק, דער פאַרטיזאַנער און זיינע פריינט — 37
בריקן — 42
דער ברידער־קבר — 44
קאַלירן — 48
צו אוקראַינע — 50
וויג־ליד — 52

די מיל פון מלחמה — 54
האָב איך נאָך אַ שטיקל האַרץ — 56
קאַנעווער באַרג — 57
בענקשאַפט — 61
די באַלאַדע וועגן צוויי פאָנען — 63
צו מיין טאַכטער — 67
זייגערמאַכערס — 69
אַ באַלאַדע וועגן אַ פאַרפאַלק — 71
אַ באַלאַדע וועגן סאָלדאַט מיט דער קוליע — 74
בייטשלאַנד — 76
אַ באַלאַדע וועגן נאַרישע פייגעלעך — 78
צו אים — 80
דער זקן מיטן טשעמאָדאַן — 82
געוויסן — 85
אַ באַלאַדע וועגן הונדערט דייטשישע מתים — 86
אין אַ ווינטער־נאַכט — 90
אַ זיי־געזונט — 94
די באַלאַדע וועגן אַ שנירל פערל — 97
הערט מיך, ברידער — 102
מיין קללה — 105
שאַקאַלן און די זון — 107
זיג — 111
אברהם יצחק און דער בערלינער קונצנמאַכער — 113
איך בין אַ ייד — 121

ווערק פון איציק פעפער

שפּענער, קיעוו, 1922, 32 ז״ז.

וועגן זיך און אַזוינע ווי מיר, קיעוו, 1924, 80 ז״ז.

פּראָסטע טריט, קיעוו, 1925, 60 ז״ז.

געפונענע פונקען, 1927, 78 ז״ז.

יאַטן, כאַרקאָוו, 1928, 160 ז״ז.

בליענדיקע מיסטן, כאַרקאָוו, 1929, 24 ז״ז.

געוועטן, קיעוו, 1930, 260 ז״ז.

פּאַר גרויס און קליין (קינדער־לידער), מינסק, 1930, 52 ז״ז.

פּלאַקאַטן אויף בראַנזע (פּלאַקאַטן, פּאַמפלעטן, סאַטירע, נאָוועלן, לאָזונגען, פּאַקטן), מאָסקווע, 1931, 120 ז״ז.

פּלאַסטן, כאַרקאָוו, 1932, 184 ז״ז.

געזאַמלטע ווערק (ערשטער באַנד, 1918—1925), כאַרקאָוו, 1932, 280 ז״ז.

געקליבנס (ספּעציעל פּאַר דער שול), מאָסקווע, 1933, 160 ז״ז.

לעבן זאָל דאָס לעבן (לידער), כאַרקאָוו, 1934, 192 ז״ז.

לידער און פּאָעמעס (צווייטער באַנד, 1925—1928), כאַרקאָוו, 1934, 292 ז״ז.

מיט היינטיקע אויגן (דריטער באַנד, 1928—1930), כאַרקאָוו, 1934 160 ז״ז.

פּיילן אויף מיילן (הומאָריסטישע און סאַטירישע לידער), קיעוו, 1935, 190 ז״ז.

קראַפט, קיעוו, 1936, 240 ז״ז.

געקליבענע ווערק, קיעוו, 1938, 284 ז״ז.

דאָס גאָלדענע פּיקל, מאָסקווע, 1938, 80 ז״ז.

יונגע צייטן, מאָסקווע, 1939, 24 ז״ז.

צען מעשהלעך, קיעוו, 1939, 40 ז״ז.

גרויסע גרענעצן (ראָמאַן אין פּערזן), קיעוו, 1939, 320 ז״ז.

וואונדערלאַנד (לידער), קיעוו, 1940, 260 ז״ז.

אין אַ מזלדיקער שעה, קיעוו, 1941, 180 ז״ז.

מלחמה־באַלאַדן, מאָסקווע, 1943, 80 ז״ז.

חוץ דעם זיינען דערשינען אַ גאַנצע ריי ווערק אין איבערזעצונגען אויף רוסיש, אוקראַיניש, ווייסרוסיש, ענגליש, פּויליש, גרוזיניש, דייטש א. אַ.